STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02187

DOS LEBN UN VIRKN FUN TSADEK UN KODESH DER HOZEH FUN LUBLIN

Menahem Mendl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

דאס לעבן און ווירקן פון צדיק און קדוש

דער חוזה
פון לובלין

צונויפגעשטעלט און בעארבעט

פ ו ן

מנחם מנדל

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

תשל"ח

הויפט פאַרקויף ביי:

Der Oitzer fon Yidishkeit
DAS YIDISHE LICHT
150 Wilson St., Brooklyn, N.Y., 11211
Phone: 387-3166 — 387-9561

המנהל: הרב מ. ש. ראכמאן

©

כל הזכויות שמורות לעורך

נדפס בדפוס האחים גרויס
Printed in U.S.A. GROSS BROS. Printing Co. Inc.

יצחק יעקב ווייס
ראב"ד
לכל מקהלות האשכנזים
עיה"ק ירושלים תובב"א

ב"ה. י' אדר שני — מרבין בשמחה תשל"ו

הנה תסמר כל שער ראש וכל לב יכאב בהגיענו לעת כזאת אשר בעוה"ר הפרוץ מרובה על העומד, והחושך יכסה ארץ מההתדרדרות האיומה של בני הנעורים הנעורים מתורה ומכל מדה נכונה שירדו לדיוטא התחתונה רח"ל ובסמיות עיניהם אינם מוצאים מזור ותרופה להעלותם מעמקי באר שחת.

החוב עלינו לחזור ולשנן לנו ולבנינו ולבנותינו כי אם כל חטאת שהקימו מספחת סופרים כופרים בה' ובתורתו הקדושה, המלעיגים בכל קודש ומלעיבים במלאכי ה' ומחרפים מערכות אלקים חיים והם אבות דנזיקין המורים את מוריהם להקים דור עקש ופתלתול.

וכבר האריכו גדולי הדורות למעניתם על חומר האיסור בקריאת ספרי חיצונים אשר התנא האלקי רבי עקיבא אומר אף הקורא בספרים חיצונים אין להם חלק לעולם הבא, והריב"ש בתשובה (סי' מ"ח) כתב ולא אמר רבי עקיבא המאמינים בספרים החיצונים אלא אפילו הקורא אותן, פן יטו את לבבו להאמין בדבריהם, כמו שקרה לאחר שהרבה ספרי מינין נושרין מחיקו. והגה"ק מהרצ"א מדינוב זי"ע כותב בספרו דרך פקודיך (מל"ת י"א) שמעתי מגדול אחד שיש קבלה בידו כשיש בבית איזה ספר מספרי המינין אסור לספר שם דברי תורה כי הוא עבודה זרה ממש וע"ז הוא כעין צואה, צא תאמר לו עכ"ל. ועי' בספרי מנחת יצחק (ח"ו סי' קי"א).

אך דא עקא, כי המחנכים החרדים לדבר ה' טוענים כי מורגש מחסור גדול בחומר קריאה שנערכו מסופרים יראי ה' ממקורות ומעינות טהורים.

לזאת נתתי שמחה אל לבי בראותי כי אחד מחשובי חברי עדתנו הקדושה "עדה החרדית" בעיר קדשנו, תלמיד חכם מובהק וירא א' מרבים אשר זכה לחבר חבורי טהרה בדבר ה' זו הלכה, מקדיש עתה מזמנו היקר לערוך

ולחבר סדרה שלימה של ספרי ספורים המחדירים אהבת תורה ויראת שמים וממקור קדוש יהלכון, אמרתי כי זכותו של המחבר הנכבד, הרה"ג הנעלה וכו' הרב מנחם מנדל של"ט"א גדולה למאד עד לאחת בין מזכי את הרבים בעשותו עשיה לטובה פעולה ממשית למען טהר את הארץ בערכו חומר קריאה בטוב טעם ודעת בשפה המדוברת ובודאי אבות ובנים יעניקו לו ברכה וישא ברכה מאת ה'.

אקוה כי מעט מהאור ידחה הרבה מהחושך, והימים הללו נזכרים ונעשים, ובשמים ממעל יתעורר עלינו זכותם של מרדכי היהודי הכופר בע"ז ואסתר המלכה ע"ה כי מלכו של עולם ירומם קרן עמו בהופעת אורו של משיח ה'.

המצפה להרמת קרן התורה בטהרה
יצחק יעקב ווייס, ראב"ד פעהקת"ו

בס"ד

פאָרוואָרט

אין די לעצטע צענדליג יאָהר האָט זיך ענטוויקלט דער רעליגיעזער, פרומער ערציהונגס-שטראָם מיט ריזיגע טריט. עדות דערויף זענען די פיהל אַנשטאַלטן און ערציהונגס-הייזער, וועלכע האָבן זיך אויפגעשטעלט אין פיהלע שטעדט, וואו די שפּראַך פון דעם לערן סיסטעם איז עכט אידיש, אַזוי ווי אונזערע עלטערן און אור-עלטערן זענען ערצויגן געוואָרן. די דאָזיגע ערציהונגס-הייזער זענען דער אמת'ער "תריס בפני הפורענויות", קעגן די פרייע ווינטן וואָס בלאָזן און זוכן צו אונטער-ברענגען אַלעס וואָס איז הייליג.

טראָץ דעם אַלעם שטעהען מיר שטאַרק אונטערשטעליג אין כשרע און עהרליכע לייען-מאַטעריעל אויף אידיש, וועלכע איז נויטיג, בעזונדער פאַר דעם יוגנד ווי לופט צו אָטעהמען. דאָס מערהייט ספרים אויף אידיש וואָס געפינען זיך אויפן מאַרק זענען פערפאַסט געוואָרן פון אונרעליגיעזע שרייבער און דאָס ביסל וואָס מיר פאַרמאָגן יאָ, הינקעט זייער אונטער, סיי אין שפּראַך, סיי אין צוגעפּאַסטן אינהאַלט, אויסער זייער אַ קליינע צאָל ספרים, וועלכע קענען נישט נאָכקומען די פאָדערונג.

נאָך אַ לאַנגע צוגרייטונג מיט פיהל מיה און אַ סאַך כוחות, מיט דער פאָדערונג און הייסע אונטערשטיצונג פון פיהל ערציהער און אָנפיהרער פון ערציהונגס אַנשטאַלטן, גיבן מיר אַרויס עטליכע גרויסע סעריעס פון ספרים, אונטערן נאָהמען "דער אוצר פון אידישקייט", וועלכע וועלן פערפיהלן דעם דאָזיגן חלל און שאַפן פאַרן פרומען איד, יונג און אַלט, אינגל אָדער מיידל, אַ רייה ספרים פון וועלכע ער וועט שעפן אמונה און בטחון, אהבה און יראה צום אויבערשטן.

די ערשטע סעריע ענטהאַלט, שפּאַנענדע ערצעהלונגען וועלכע פיהרן דורך פאַרן לייענער די גרויסע וואונדער פון דער השגחה פרטית און די שטאַרקייט פון אמונה, מיט וועלכן מען געהט דורך אַלע שטרויכלונגען.

די צווייטע סעריע בעשרייבט דאָס לעבן און שאַפן פון די גדולי ישראל, אבות החסידות און גאוני הדורות, פון וועלכן מיר נעמען אַראָפּ אַ מוסר השכל ווי אַזוי זיך אויפצופיהרן אין אונזער טאָג-טעגליכן לעבן.

די דריטע סעריע נעמט אַרום די אַלע ימים טובים אויף זייער פיהל־פאַרביגן רייכן אינהאַלט, באַלויכטן דורך ערצעהלונגען, שאַרפזיניגע ווערטער און אַלע ענינים וואָס האָבן שייכות צום יום־טוב.

✶

אין דעם ראַם פון די באַשרייבונגען וועגן די אבות החסידות און גדולי הדורות פאַרעפנטליכן מיר יעצט דאָס לעבן און ווירקן פון דעם הייליגן צדיק און קדוש **דער רבי פון לובלין, רבי יעקב יצחק זצ"ל, אדער ווי ער ווערט אנגערופן ביי חסידים "דער הייליגער חוזה".**

די דאזיגע הייליגע און וואונדערבארע געשטאלט ווערט ביז היינטיגן טאג בעטראכט אלס איינער פון די הויפט־זיילן פון חסידות. זיינע תלמידים און תלמידי תלמידים, וואס האבן געפלאכטן ווייטער די גאלדענע קייט פון חסידות, וואס דער רבי פון לובלין האט אריינגעפלאנצט אין פוילן, האבן פארשפרייט ווייטער זיין שיטה. זיין לימוד און די ווירקונג פון דעם דאזיגן מנהיג החסידות איז געווען אונגעהויער גרויס צווישן די אידישע מאסן.

העכער 200 תלמידים וואס האבן געשפילט א גרויסע ראליע אין אידישן לעבן אלס מנהיגי ישראל, האט דער הייליגער חוזה אויפגעשטעלט, און אט די צוויי הונדערט צדיקים און זייערע נאכפאלגער, האבן עס דערהאלטן דאס אידנטהום אין די לענדער פוילן, גאליציע, אונגארן א.א.וו. און זיי בעשיצט פאר די מאדערנע צייט שטרעבונגען און רעפארם פרובן וואס האבן זיך אין די שכנות'דיגע לענדער פארשפרייט. זיי האבן אריינגעפלאנצט אין אידישע הערצער תורה און יראת שמים, מוט און חיות צו עבודת הבורא בקדושה ובטהרה.

די דאזיגע בעשרייבונג אויפן הייליגן חוזה פון לובלין וועט ארומנעמען זיין לעבן און שאפן, זיינע רביים און פיהל תלמידים פון וועלכן עס וועט זיך אויפשטעלן מיטן אויבערשטנס הילף א גאנצע רייה מיט בענדער.

✶

מיר האָפן צום אויבערשטן אַז ער וועט אונז ערמעגליכן אויספיהרן אונזער ציהל און דערמיט מרבה זיין כבוד שמים בעולם, צו העלפן ערציהען דעם יוגנד על אדני התורה והיראה על דרך רבותינו הקדושים מקדמת דנא.

מנחם מנדל **דער אוצר פון אידישקייט**

ערשטער קאפיטל

דער זיידע רבי קאפיל

רבינו יעקב יצחק בן רבי אברהם אליעזר הלוי הורביץ זצ״ל, וועלכער איז בעקאנט אויף דער וועלט אלס דער רבי פון לובלין, דער ,,חוזה הקדוש" פון פוילן, איז געבוירן געווארן אין דער שטעדטל לוקאוו וואס נעבן טארניגראד.

דער רבי פון לובלין שטאמט פון גרויסן יחוס, א אייניקל פון דעם של״ה הקדוש, פון דער באוואוסטער פאמיליע הורוויץ. (ווי בעקאנט חתמענען זיך די שטאמלינגען פון דעם של״ה הקדוש מיט דער אונטערשריפט ,,איש הורוויץ". דאס ווארט ,,איש" איז די אנהויב ווערטער פון ,,אברהם, ישעי׳, שעפטל" - אברהם איז געווען דער נאהמען פון דעם של״ה׳ס פאטער, ישעי׳ איז געווען דער נאהמען פון דעם של״ה הקדוש, און שעפטל האט געהייסן זיין זוהן, דער מחבר פון ספר ,,ווי העמודים". איש הורוויץ איז אלזא די בעצייכענונג, אז מען קומט ארויס פון דעם של״ה הקדוש זצ״ל).

א אב המון גוים

פון דער מוטער׳ס צד איז דער רבי פון לובלין געווען א אייניקל פון דעם צדיק און קדוש רבי יעקב קאפיל זצ״ל פון דעם דארף לוקאוו, נעבן טארניגראד. דער דאזיגער רבי קאפיל איז געווען א זעלטענער טיפ פון א צדיק, אבער ער האט געוואוסט זיין צדקות צו באהאלטן אויף א וואונדערליכן אופן.

געוואוינט האט ער אויפן דארף, האלטנדיג אין ארענדע א קרעטשמע און די בראנפן ברענעריי פון דעם פריץ. געווען איז ער א מעורב בין הבריות, און דאך איז ער געווען א קדוש עליון און א

עובד ה׳ און נישט נהנה געווען פון דער וועלט אפילו דאס מינ־דעסטע. אויסער דעם איז ער געווען א גרויסער גאון אין לערנען, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר. אבער ער האט קיינמאל נישט ארויסגעוויזן זיין גאונות, און די וועלט האט נישט געוואוסט פון איהם. אין די שפעטערע יאהרן איז ער שוין אפילו געווארן א מפורסם, אבער דאס האט איהם נישט באוואויגן אז ער זאל ענדערן פון זיין פריהערדיגן וועג אפילו אויף א האר.

און מפורסם איז ער געווארן צוליב דעם וואס אין אמסטער־דאם איז נסתלק געווארן דער רב פון שטאדט, און פאר די פטירה, האט ער איבערגעלאזט א צוואה, אין וועלכן ער בעטראכט אלס זיין ממלא מקום דעם ארענדאר רבי קאפיל פון דעם דארף לוקאוו אין פוילן, וועלכן ער האלט פאר א גרויסן גאון און צדיק, פון די יחידי הדור.

נאך דער פטירה איז ארויסגעפאהרן א דעלעגאציע פון די חשובסטע אין אמסטערדאם, קיין לוקאוו און געבראכט פאר רבי קאפלען דעם כתב רבנות. אין אנהויב האט ער זיי פשוט אויסגע־לאכט.

– ווי פאלט אייך עפעס איין – האט ער צו זיי געטענה׳ט – אז איך, א פשוטער ישובניק און ארענדאר, זאל איבערנעמען דעם רבנות־שטוהל פון אזא עיר ואם בישראל ווי אמסטערדאם!

אבער ווען זיי האבן איהם דערצעהלט פון דער צוואה וואס איז געשריבן געווארן דורך זייער רב וואס איז יעצט נסתלק געווארן, האט ער זיי ערקלעהרט:

– פאהרט געזונטערהייט אהיים און זאגט צו אייערע פארש־טעהער פון דער קהלה, אז איך דאנק זיי זייער פאר דעם גרויסן כבוד וואס זיי האבן מיר צוגעטיילט, דערמיט וואס מען האט מיר געלאדנט אנצונעמען דעם כסא הרבנות פון אמסטערדאם, אבער איך האב מיר שוין אויסגעארבעט מיין דרך, איך וויל בעסער זיין א אב־המון־גוים, איידער א אב־בית־דין! . . . ווייל אלס שטאדטס־רב, איז די פעראנטווארטליכקייט זייער גרויס, דער אויבערשטער איז מדקדק מיט די דייני ישראל כחוט השערה, און איך בין פשוט נישט

בכח צו נעמען אויף זיך אזא שווערע אחריות אויף די עלטערע יאהרן.

אין די דאזיגע רייד וואס ר׳ קאפיל האט געזאגט, האט געשטעקט א גרויסער מוסר. רבנים און גאונים האבן דעמאלט אין פוילן ניט געפעלט. די תורה האט דעמאלט געזונגען אין אלע גאסן, ווי אין פסוק שטייט, חכמות בחוץ תרונה. א עם הארץ איז אין די פוילישע שטעדט כמעט ניט געווען במציאות, אבער איידעלע און גוטהארציגע ארענדארן, וועלכע זאלן שטיצן די דורכרייזענדע תלמידי־חכמים, זיי געבן עסן און געלד מיט א ברייטע האנט, זענען געווען ווייניג. די מערהייט פון די ארענדארן זענען געווען פארטהון אין חומר, הארט און שטרייגע מענטשן, פאר וועמען דאס גאנצע דארף האט געציטערט, אבער ניט קיין בני תורה. ר׳ קאפיל האט דעריבער בעשלאסן בעסער צו בלייבן ביים עמוד פון גמילות חסדים, צו טאהן טובות, געבן ארימע אידן עסן און טרינקען איידער צו ווערן א רב און זיין א מרביץ תורה ברבים.

חסידים דערצעהלן, אז ווען די גוטע אידן פון דעם ארומיגן געגנד, פלעגן דארפן פארבייפאהרן דורך טארניגראד, האבן זיי געהייסן פאהרן דורך דעם דארף לוקאוו, ווייל אין דעם דאזיגן דארף – האבן זיי געזאגט – פיהלן זיך גן־עדן־ריחות. פיהל מאהל האבן גוטע אידן געפרובט חוקר ודורש זיין די סיבה דערפון, אבער עס איז זיי נישט געלונגען. ערשט דאן ווען די שלוחים פון אמסטערדאם האבן בעקאנט געמאכט וועגן זייער שליחות פון דער אמסטערדאמער רבנות און דעם ענטפער פון רבי קאפיל לוקאווער, האבן אלע פערשטאנען אז דאס נעמט זיך פון דעם דאזיגן וואונדערבארן ישובניק.

די חשיבות פון יחוס

דער רבי פון לובלין האט זיך שטארק געגרויסט מיט זיין דאזיגן זיידן. עס ווערט דערצעהלט, אז בשעת דער רבי פון לובלין האט זיך אמאל מתווכח געווען מיטן רבין רבי ברוך׳ל מעזשיבוזשער זצ״ל, וועלכער האט געהאט אויף איהם תרעומת, האט ער איהם צווישן אנדערע געזאגט :

– איהר זענט טאקע דעם הייליגן בעל־שם־טוב׳ס א אייניקל, אבער איך האב געהאט א זיידן רבי קאפיל ...

א צווייטן מאהל האט זיך דער רבי פון לובלין אויסגעדריקט, אז דערפאר גיט מען איהם נאך פון הימל זיינע אלע בקשות, ווייל ער איז רבי קאפיל׳ס א אייניקל און דאס איז נאר אין זיין זכות.

ווען דער צדיק רבי שמעון יעראסלאווער זצ״ל, וועלכער איז געווען א אייניקל פון רבי קאפלען בן אחר בן, איז אמאהל געקומען צום רבין פון לובלין, האט זיך דער חוזה צו איהם אנגערופן :

– ווען איך וואלט געווען א אייניקל פון רבי קאפלען בן אחר בן, נישט פון דער מוטערס צד, וואלט איך א סאך אנדערש אויסגעקוקט...

ווי וויט דער חוזה פון לובלין האט שטאלצירט און זיך געגרויסט מיט זיין זיידן רבי קאפיל, קען מען זעהן פון דעם וואס ווערט דערצעהלט, דאס איינמאל אין א פריהמארגן, איז דער רבי פון לובלין ארויס אויפן גאס, צו שעפן פרישע לופט. מיט אמאל האט ער אנגעטראפן א מענטש מיט א אויסטערלישן אויסזעהן, ווי ער וואלט נישט געווען פון דער וועלט. אין אנהויב האט דעם חוזה בעפאלן א שרעק פון דעם פרעמדן אומבעקאנטן מענטש, ווען ער איז דערנאך געקומען צו זיך, האט ער איהם דערלאנגט שלום און געפרעגט ווער ער איז.

– איך בין געקומען בעזוכן די אידישע קראנקע פון שטאדט – האט דער מאן געענטפערט.

– און ווער זענט איהר ? – האט ער ווייטער געפרעגט.

– איך בין רבי יעקב קאפיל׳ס א אייניקל ! – איז געווען דער ענטפער פון דעם חוזה פון לובלין.

די תפלה פון כהן גדול

ר׳ קאפל איז אויך געווען מפורסם אלס גרויסער בעל מופת. ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן איז ער איינמאל געגאנגען אין שטאדט אריין כדי צו שחט׳ן א עוף, און דערמיט צו קענען מכבד זיין זיינע אורחים, ווייל ער איז געווען א גרויסער בעל

מכניס אורח. צוריקוועגס האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס־רעגן, עס האט געגאסן עמערס־ווייז און עס איז בשום אופן נישט מעגליך געווען צו געהן. ער האט אבער געוואוסט, אז די חשובע אורחים זענען הונגעריג, האט ער דערויף נישט געקוקט און ער האט זיך געלאזט אין וועג אריין, נישט נעמענדיג אין אכט וואס עס רעגנט אזוי שטארק.

דער רעגן איז אבער וואס אמאהל אלס שטארקער געווארן און רבי קאפיל האט זיך דערפון זייער מצער געווען. ער האט זיך אפגעשטעלט און אויסגערופן :

– רבונו של עולם ! אמת טאקע, דאס דער כהן גדול האט געבעטן „שאל יכנסו לפניך תפלת עוברי דרכים״, אז דו זאלסט נישט אננעמען די תפלות פון די וואנדערער אויפן וועג, דאס צוליב זיי זאל זיך דער רעגן אפשטעלן, אבער וואס וואלט עס דיר געשאדט, אויב אויפן ארט, וואו קאפיל געהט, זאל דארטן נישט רעגענען ? ...

און מאמענטאל איז אזוי געשעהן. דארט וואו רבי קאפיל האט געשטעלט א פוס־טריט, האט נישט גערעגנט און ארום איהם האט ממש געמבול׳ט...

גראד איז אונטערגעקומען א צווייטער דארפס־איד, וועלכער איז געווען אינגאנצן נאס פון רעגן, האט ער באמערקט די וואונדערליכע ערשיינונג, אז דער יונגער ארענדאר פון דעם דארף לוקאוו געהט אונטערן רעגן און זיינע קליידער זענען אינגאנצן טרוקן, האט ער זיך צוגעשלייכט צו איהם און נאכגעגאנגען פוס טריט און דאס האט געווירקט, אז אויך דער איד איז געשיצט געווארן פון רעגן.

קומענדיג אין דארף אריין, האט זיך רבי קאפיל געווענדעט צו זיין בעגלייטער און צו איהם געזאגט :

– דו וועסט דאך געוויס וועלן דערצעהלן א מעשה מיט א מופת זאג איך דיר אן, השמר והזהר אז דו זאלסט זיך פאר קיינעם נישט ארויסכאפן מיט קיין אייןווארט, ווייל דו וועסט עס שפעטער גאר שטארק בעדויערן און עס וועט שוין דאן זיין פארפאלן.

דער דארפס איד האט אבער נישט געהאלטן ווארט און דער־

צעהלט דעם מופת מיטן רעגן. א שטיקל צייט האט זיך דערמיט שטארק געטומלט, איינער האט יא געגלויבט און א צווייטער האט נישט געגלויבט ביז די מעשה איז אינגאנצן פארגעסן געווארן. דער דארפס איד האט אבער נישט גוט אפגעשפילט אין דעם זעלבן יאהר איז ער אוועק פון דער וועלט.

א באגעגעניש מיטן מלאך המות

ווי געזאגט, איז ר' קאפיל געווען א גרויסער מכניס אורח.

איינמאל איז ר' קאפיל געפאהרן מיט זיין בריטשקע אין שטאדט אריין. געווען איז עס אין א ווינטער טאג. אויפן וועג האט ער באמערקט ווי א איד, א ארימאן, געקליידט אין שמאטעס, קרוע ובלוע, שלעפט זיך אויפן וועג מיט א שווערן זאק אויף די פלייצעס און דער שווייס רינט איהם פון זיין געזיכט. רבי קאפיל האט גע־האט ביי זיך איינגעפיהרט, אז פאהרנדיג אויפן וועג, וויפל לייט ער האט נאר באגעגנט, האט ער זיי אלעמען געמוזט ארויפ־נעמען אויפן וואגן, טיילמאל אויך אויף זיין אייגענעם ארט.

דערזעהענדיג דעם ארימאן, האט רבי קאפיל אפגעשטעלט דער בריטשקע און אויסגערופן צום אידן:

– זייטזשע מוחל, ר' איד, איהר געהט דאך געוויס אין שטאדט אריין, זעצט זיך ארויף אויף דער בריטשקע, וועלן מיר פאהרן צוזאמען.

דער ארימאן האט אפילו נישט געפונען פאר נויטיג צו ענטפערן און ער איז זיך געגאנגען זיין וועג, נאכדעם וואס ער האט איהם עטליכע מאל געבעטן און דער ארימאן האט נאך אלץ נישט געענטפערט, האט ר' קאפל, וועלכער איז שוין דאמאלס נישט געווען קיין יונגערמאן, זיך נישט געפוילט און אראפגעשטיגן פון דער בריטשקע און גענומען איינטענה'ן מיטן וואנדערער ארימאן אז ער זאל זיך אויפזעצן אויף דער בריטשקע.

– פארדרעהט מיר נישט דעם קאפ, ר' איד, און לאזט מיר געהן מיין וועג – האט דער ארימאן ברוטאל אפגעשטויסן ר' קאפלען פון זיך.

– אבער אום ג־ט׳ס ווילן, איהר געהט דאך כמעט נאקעט, און דער פראסט איז דאך אונגעהויער גרויס – האט ר׳ קאפיל מיט גרויס רחמנות אויסגערופן – טהוט כאטש אן מיין פעלץ ...

און אזוי רעדנדיג האט ר׳ קאפיל פון זיך אראפגענומען זיין שאפן פעלץ אבער דער ארימאן האט דעם פעלץ אראפגעשליידערט פון זיך און געוואלט אנטלויפן. רבי קאפיל האט איהם אבער צוריק געהאלטן.

– וואס געהט אייך אזוי אין לעבן – האט איהם דער ארימאן געפרעגט – איהר מיינט דאך אוודאי נאר צוליב מיין טובה, איך זאל ניט דארפן געהן צופוס, אבער וויבאלד איך וויל בעסער געהן ווי פאהרן, וואסזשע דארפט איהר זיך אזוי מוסר נפש זיין מיך איינצורריידן איך זאל דוקא מיט אייך מיטפאהרן ?

– עס שטעהט אין דער הייליגער תורה – האט איהם ר׳ קאפיל געענטפערט – ,,נתון תתן לו״ דו זאלסט געבן צדקה דעם נויטיגן, שטעהט עס אבער מיט א טאפלטן לשון : ,,נתון תתן״ וועלכע דאס מיינט, אפילו בעל־כרחו, וויבאלד דו ווייסט אז דיין חבר נויטיגט זיך אין הילף, ער דארף האבן דיין טובה, איז נישט גענוג איהם נאר אנצובעטן די טובה, נאר וויבאלד ער זאגט זיך דערפון אפ, זאלסטו איהם כמעט צווינגען, און אזוי לאנג איינצורעדן, ביז ער וועט פון דיר נעמען די טובה.

– איך ווייס אבער אויף זיכער – האט צו איהם דער ארימאן געזאגט – אז איהר אלע בעלי טובה און בעלי צדקה, טהוט איהר דאס אלעס נאר אייך צוליב, נישט דעם ארימאן צוליב. עס ווילט זיך אייך נאך א מצוה, כדי איהר זאלט דאן אויף יענער וועלט האבן א גרעסערן חלק עולם הבא, איך וועל אייך דעריבער זאגן דעם גאנצן אמת. אט טאקע ווייל איך בין זייער מיד, פערגין איך אייך גארניט זוכה צו זיין אין איין רגע אזא גרויסע מצוה, מחיה זיין א נפש, אויף וועלכער די גמרא זאגט : ,,כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא״. ווער עס דערהאלט איין איינציג אידיש נפש ביים לעבן, איז גלייך ווי ער וואלט דערהאלטן א גאנצע וועלט.

– אויב דאס איז אינגאנצן וואס עס שטערט אייך צו פאהרן מיט מיר – האט איהם ר׳ קאפיל געענטפערט – קענט איהר זיך רוהיג אויף מיין וואגן ארויף זעצן, און איך וועל אייך שענקען דעם שכר עולם הבא פון די מצוה, געמאכט א געשעפט ?

– געמאכט ! – האט איהם דער ארימאן געענטפערט – נאר פרייער גיט מיר אויף דעם א תקיעת כף, אז איהר זייט מיר מזכה מיט דעם שכר פון די גמילות חסדים מצוה.

ר׳ קאפיל האט איהם געגעבן די האנד אויף א תקיעת כף.

*

– איצט הערט מיך אויס ר׳ קאפיל – האט זיך דער ארימאן צו איהם אנגערופן – איך האב אייך צו דערצעהלן זעהר א וויכטיגן ענין, נאר איך בעט אייך איהר זאלט מיר ניט איבעררהאקן ביז איך וועל ענדיגן מיינע ווערטער.

– עס איז געקומען די צייט וואס איהר דארפט שטארבן – האט דער ארימאן אנגעהויבן זיינע ווערטער – דער מלאך המות האט שוין געהאט בעקומען א באפעהל פון דעם באשעפער פון דער וועלט ביי אייך צונעמען די נשמה. זענען פלוצלונג אנגעקומען א גאנצע כתה פון מלאכים, וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די מצות פון צדקה און גמילות חסדים וואס איהר האט געטאהן, און זיי האבן אנגעהויבן ממליץ זיין פאר אייך, פארן רבונו של עולם, טענה׳נדיג, „רבונו של עולם, ווילסטו חלילה נישט נעמען אין באטראכט דיינע כתבי הקודש, פון דעם הייליגן תנ״ך, מיר פרעגן דיר – האט דען שלמה המלך ניט געשריבן אין משלי „צדקה תציל ממות״ צדקה ראטעוועט פון טויט, ווער האט דען אין דעם דור נאך מעהר געטאהן צדקה און גמילות חסדים פון ר׳ קאפיל ליקאווער ? צום סוף ווילסטו איהם אוועקנעהמען פון דער וועלט איידער ער האט נאך אפילו חתונה געמאכט זיין אינגסטע טאכטער ?

דער מלאך המות האט אבער גאר קיין חשק ניט געהאט ארויס־צולאזן אזא טייערן העכט פון זיין נעץ, ער האט פארשטאנען, אז דער מדת הרחמים הויבט אן איבערוועגן דעם מדת הדין און דעריבער האט ער אויך אנגעהויבן צו טענה׳ן :

– שופט צדק ! ניט אויף אזא סארט צדקה ווי די היינטיגע מענטשן טהוען האט דער גרויסער חכם שלמה געמיינט מיט זיינע ווערטער „צדקה תציל ממות". היינטיגע צדקות טהוען די מענטשן אינגאנצן נישט לשם שמים, נאר צוליב זייער טובה, כדי מען זאל זיי לויבן איבער זייער גוטער הארץ אדער אין דעם בעסטן פאל, כדי צו האבן עולם הבא, דאס בית דין של מעלה מעג זיי אפילו געבן דערפאר פיהל שכר, אבער מיר צו טשעפען, אריין קריכן אין מיין גרעניץ און פון מיר אוועק צוריבן וואס מיר געהערט, דאס איז שוין נאך מיין מיינונג, נישט אויסגעהאלטן.

– געה אראפ אויף דעם עולם השפל – האט זיך דער וועלט ריכטער אנגערופן צום מלאך המות – און פרוב אויס ר' קאפלען, צוליב וואס טהוט ער זיין צדקה און גמילות חסדים, אויב לשם שמים, דאס הייסט לשם מצוה אליין, אדער נאר פאר זיין טובה, צוליב כבוד, און צוליב שכר פון עולם הבא. וויסן זאלסטו אבער, אז טאמער וועט ר' קאפיל ביישטעהן דעם נסיון, גיבן מיר איהם צו צו זיינע יאהרן נאך פינף און צוואנציג יאהר, און צו דערצו וועלן מיר איהם געבן א מתנה א קינד מיט א הייליגע נשמה וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין קדושה.

– איך בין דער מלאך המות – האט דער ארימאן געענדיגט זיינע ווערטער – איך האב אויסגעפונען אז דו האסט ניט אין דיין צדקה קיין שום פניה, קיין אנדער זייטיגע מחשבה, נאר אלעס איז לשם שמים, מיט דערמיט האסטו רעכט פארדינט אז מען זאל דיר מוסיף זיין אויף דיינע יאהרן נאך פינף און צוואנציג יאהר, כדי דו זאלסט קענען ניט נאר חתונה מאכן דיין אינגסטע טאכטער מייטל, נאר דו זאלסט אויך דערלעבן די חתונה פון איהר זוהן, וועלכער וועט פארשיינען די וועלט מיט זיין גרויסקייט, מיט זיין תורה און מיט זיין קדושה, דו וועסט דערלעבן גרויס נחת.

און ריידנדיג די ווערטער איז דער ארימאן פארשוואונדן געווארן.

און ווירקליך איז עס אלעס שפעטער מקוים געווארן. רבי קאפיל האט גענומען פאר א איידים דעם באריהמטן עילוי פון שעברעשין, רבי אברהם אליעזר הלוי הורוויץ, איהם צוגעזאגט

פופצן יאהר קעסט. שפעטער איז פון דעם פאר פאלק געבוירן געווארן דאס אינגל יעקב יצחק, וועלכער האט שפעטער באלויכטן די וועלט און באוואוסט אלס דער הייליגער חוזה פון לובלין.

אבער וועגן דעם אלעם וועלן מיר שפעטער דערצעהלן. מיר וועלן יעצט ברענגען נאך אייניגע ספורים וואס ווערט דערצעהלט וועגן רבי קאפיל׳ען.

פון וואנען דאס עשירות

עס איז נישט צו פערשטעהן ווי אזוי קען ר׳ קאפיל ליקאווער בעוויזן צו טהאן אזוי פיהל חסד דורך „הכנסת אורחים״. א הון רב, מוז מען האבן צו קענען אויסהאלטן די הונדערטע דורכגעהער און וואנדערער פון ליקאוו און דורך ליקאוו. ער, ר׳ קאפיל מאכט נישט קיין אונטערשייד ווער דער אורח איז, א איד אדער להבדיל נישט קיין איד, א רייכער צו א ארעמאן, אלע, דורכאויס אלע מוזן נעמען ביי איהם א מאלצייט. אוואו נעמט דאס ר׳ קאפיל, פון וואנען ? פון די קרעטשמע ? א קרעטשמע איז דאך נישט קיין גאלד קוועלע ? מ׳פערדינט, מער ווייניגער, אבער צו זיין אזא גרויסער בעל הוצאה, צו טיילן הונדערטער מאלצייטן טאג טעגליך, דאס איז שוין נישט פון אבי וואס. עס מוז זיין עפעס באהאלטן.

מיט אזעלכע געדאנקען פלעגן די גוים פון די ארומיגע דערפער ביי ליקאוו ארומגעהן תמיד. די קנאה, די שנאה צו דעם וואהלטהעטיגן ר׳ קאפיל איז געווען זעהר גרויס. מ׳טאר דאס נישט דערלאזן.

אייניגע פויערן האבן זיך געזעהן מיט׳ן פריץ, וואס ר׳ קאפיל האט ביי איהם געדונגען די קרעטשמע, און האבן איהם גענומען אויף דער העצע. זעה, פאן פריץ, ווי דער איד בעשווינדלט דיך - האבן זיי געטענה׳ט צו איהם - ער באצאלט דיר „שכר״ פאר די קרעטשמע אזוי ביליג אז עס איז פשוט לעכערליך. באטראכט נאר איינמאל ווי אזוי ער צוטיילט געלדער פאר „הכנסת אורחים״, וועסטו אליין פערשטעהן אז די קרעטשמע איז גאר א „גאלד גראבן״ ער מאכט דורך די קרעטשמע אזוי פיהל רווחים אז די

שכירות פאר די קרעטשמע איז אבסאלוט נישט אין ערך ווי עס איז ווערט.

אבער דער פריץ קען ר׳ קאפלען. ער ווייסט אז ער איז א ארענטליכער מאן, דאך, פון וואנעט טאקע נעמט ער אזוי פיהל געלד צו צוטיילן. עס איז א רעטעניש, און מ׳מוז דאס אליין ענטשיידן.

אין מיטן א מיטוואך, דער פריץ זעצט זיך אויף אין זיין רייכע קארעטע און פאהרט. אין יעדן דארף וואס דער פריץ פארט דורך - ווערט „יום טוב״, אלע פויערן קומען איהם אנטקעגן. ער פאהרט נישט אריין אין קיין שום דארף, זייטיג פאהרט ער, יעדער דארף מעלדט דעם צווייטן אז דער פאן פריץ פארט דורך. עס קערט זיך א וועלט. מענער פרויען און קינדער לויפן נאך די קארעטע. שוין לאנג, זייער לאנג נישט געהאט די „זכיה״ צו זעהן דעם פאן פריץ וועלכער איז דער „בעל הבית״ פון די דערפער.

ר׳ קאפיל זיצט זיך רוהיג צווישן זיינע פיהל אורחים. מ׳מעלדעט איהם אז דער פריץ פארט, אין דעם ריכטונג פון זיין קרעטשמע. זיין ווייב און קינדער ציטערן. אויב דער פריץ פארט דא, און האט נישט פריהער געמעלדעט איז א סימן אז עס איז דא א מסירה׳לע. ר׳ קאפלען הארט דאס נישט. ער מאכט קיין ווען נישט פון דעם. ער ווייסט ביי זיך אז ער האט קיינמאל קיין בייז נישט געטאהן צו קיינעם - וועט איהם אויך קיינער נישט קענען שלעכטס טאהן.

ווען מ׳איז איהם געקומען זאגן אז אט אט איז שוין דא דער פריץ, האט זיך ר׳ קאפיל אנגעטהאן זיין שבת׳דיגן מלבוש און איז ארויסגעגאנגען פונ׳ם הויז.אקעגן זיין פריץ.

ר׳ קאפיל דערלאנגט די האנד צום פריץ מיט זייער א פריינד־ליכע מינע. דער פריץ ענטפערט איהם זייער פריינדליך. אבער צווישן די ציין ברומט ער ארויס אז ער וואלט זיך געוואלט דורכ־שמועסן מיט איהם אונטער פיר אויגן. -

אך, אזא גאסט, אזא גרויסן גאסט ביי מיר אין הויז, זייער אנגענעהם - ענטפערט ר׳ קאפיל.

ר׳ קאפיל האט אנגענומען דעם פריץ אונטערן ארעם און איהם אריינגעפיהרט אין א צימער. ער האט אוועקגעשטעלט פון די בעסטע געטראנקען וואס ער האט נאר פארמאגט, און פירות, און די בעסטע געבעקסן, א כיבוד וואס עס פאסט פאר אזא גרויסן פריץ.

דער פריץ האט זיך נישט אנטזאגט און האט טאקע טועם געווען פון דעם שיינעם כיבוד וואס ר׳ קאפיל האט פאר איהם גע־סארווערט.

– זייער אנגענעם, – זאגט דער פריץ אין א ליבליכן טאן. – זייער אנגענעם. איך בין זייער צופרידן הערנדיג ווי אזוי דו באהאנדלסט די דורכגעהער, איך האב זייער פיהל געהערט וועגן דיר. אלע ווערן ענטציקט פאר דיין גוט הארץ.

– אדאנק, פאן פריץ, – זאגט ר׳ קאפל. – נו, אזוי דארף זיין א מענטש. קיינער איז נישט באשאפן געווארן נאר פאר זיך. יעדער דארף טרייען צו העלפן א אנדערן מיט וואס ער קען. מיט געלד, מיט עסן, און אפילו מיט א גוט ווארט אדער א עצה טובה.

– גאנץ ריכטיג. ווען אלע וואלטן געווען ווי דו – וואלט די וועלט געווען א גן־עדן. אבער נישט אלע פערשטעהן דאס, נישט אלע פיהלן דעם שמערץ פון דעם אנדערן. איז צוליב דעם אזוי צובראכן די וועלט.

אזוי „קרום־קיילעכדיג״ האט דער פריץ פערפיהרט א שמועס מיט ר׳ קאפלען. ביז... ביז ער איז ארויסגעקומען מיט לשון:

– „איך האלט דיר פאר זייער א ארענטליכן מענטש. דו ווייסט דאס. דעריבער וויל איך דיר אליין פרעגן, ווי קומט דאס, צו אזא פיינעם מאן, ער זאל מיר אזוי אפנארן?

– ווער? איך, חלילה וחס!

– נו, לאמיר רעדן אפן: איך ווייס אז דו גיסט אומזיסט עסן צו זייער א סאך מענטשן. די גאנצע אויסגאבע באקומסטו דורך די קרעטשמע. אויב די קרעטשמע קען אריינברענגען אזא גרויסן פארדינסט, נו איז די שכירות וואס דו צאלסט מיר פאר מיין קרעטשמע נישט ווינציג? זאג דו אליין!

ר׳ קאפיל האט געבעטן ענטשולדיגונג, וואס ער וויל איהם באלעסטיגן מיט א אומאנגענעמליכן גאנג. אין קעלער!

דער פריץ האט זיך נישט ענטזאגט. און איז אראבגעקראכן דורך דעם פינסטערן הייל, אין איינע פון די קעלערן.

ר׳ קאפיל האט איהם צוגעפירט צו א פאס 96־גער ספירט. ער גיט איהם דעם גראד. דער פריץ שטעלט אריין דעם גראד אין פאס, ער נעמט איהם ארויס. יא ריכטיג, די ספירט ענטהאלט 96 גראד אלקאהאל.

ר׳ קאפיל גיט א וואונק צו זיין באדינער. דער באדינער צאפט אפ א האלבע פאס ספירט אין א אנדער פאס, נאכער גיסט ער אריין ריינע קלארע וואסער אין די ערשטע פאס. ר׳ קאפיל גיט דעם פריץ דעם גראד. דער פריץ מעסט: 96 גראד! ער איז געפלעפט!

– ווי קען דאס זיין? – רופט ער אויס – איך האב דאך אליין געזעהן ווי דו האסט צוגעגאסן העלפט וואסער.

– זעהסט דאך.

אזוי האט ר׳ קאפיל געמאכט איינינגע מאל די נסיונות, אבגע־גאסן העלפט ספירט, צוגעגאסן וואסער, אנגעפילט די פאס מיט וואסער, ארויסגעקומען איז גאר 96־גער ספירט.

– נו, – זאגט ר׳ קאפיל צום פריץ, – זעהסט אז איך צוטייל נישט פון דיין אייגנטהום. נאר פון די ברכה וואס דער אויבערשטער האט מיר געשאנקען.

– אויב אזוי – זאגט דער פריץ, – שענק איך דיר די קרעטשמע אויף דיין גאנצן לעבן. דו ביזט נישט קיין מענטש, א מלאך ביזטו. איך בין גליקליך צו האבן אזא הייליגן מאן אין מיין דארף.

ווער זענען די וועכטער?

דעם דאזיגן סיפור המעשה פלעגט דערצעהלן דער מונקא־טשער רבי, הגה״צ רבי חיים אלעזר שפירא זצ״ל יעדן פסח ביי נאכט צום סדר. דער מונקאטשער רבי איז געווען א אייניקל פון רבי קאפלען פון זיינס א טאכטער.

און אזוי האט דער מונקאטשער רבי דערצעהלט:

ר׳ קאפיל ליקאווער האט געהאט פרנסה בריוח פון זיין קרע־טשמע. די אלע גוים פון די דערפער ארום ליקאווע פלעגן שטענדיג

ארײַנקומען אין קרעטשמע זיך דערקוויקן דאס הארץ מיט א ביסל בראנפן, און א צובײַס.

אלע גוים האבן זייער פיהל געהאלטן פון ר׳ קאפלען, אז ער איז דער אמת׳ער איש מהימן, און פירט זיין געשעפט אמת ערליך. מ׳האט קיינמאל נישט געהערט פון א גוי אז ער האט געהאט עפעס א טענה צו איהם. און דעריבער זיינען זיי אלע געוועזן צו איהם זייער געטריי און איבערגעגעבן.

זייער איבערגעבנהייט האט זיך ארויסגעצייגט, ווען דער גלח פונ׳ם דארף האט שטרייננג אנגעזאגט די דארפסלייט אז זיי זאלן נישט ארײַנטרעטן אין די אידישע קרעטשמע - האט זיך נישט געפונען קיין איינער וואס זאל זיך צוהערן צו דעם גלח׳ס באפעהל. דער גלח דער אנטיסעמיט איז געבליבן געפלעפט זעהענדיג ווי זיינע ווערטער האבן נישט געמאכט קיין שום איינפלוס אויף זיינע גלויביגע.

די שנאת ישראל האט געברענט אין איהם. און ער האט שטענדיג געזוכט עצות ווי אזוי פטור צו ווערן פון ר׳ קאפלען.

ער האט לאנג געקלערט ביז... ביז ער איז געקומען צו א געלונגענע עצה : דער גלח וויסנדיג די מנהגי ישראל, אז וויבאלד מ׳טאר נישט ניצן קיין חמץ אום פסח, אלזא וואס טהוען די אידן וועלכע האבן שענקען, מיט ספירט געמאכט פון חמצ׳דיקע פראדוקטן? - מאכן זיי עפעס א מכירה. א שטר אזא, אז זיי פערקויפן די חמצ׳ן צו א גוי. און אזוי ארום זיינען זיי געזיכערט אז נאך פסח וועט דאס אלעס זיין כשר. די דינים פון חמץ איז לגמרי נישט חל געווארן אויף זיי, ווייל אין די 8 טעג פסח האט עס געהייסן אז דער בעל הבית איז גאר א גוי !

ער, דער גלח האט געוואוסט ווען ר׳ קאפיל „פערקויפט״ די שענק ביז איבער פסח. ער שיקט רופן דעם איוואן, און סטראשעט איהם אוןווארנט איהם אז ער זאל הײַנטיגס יאהר די חמצ׳ן נישט אבקויפן. ער האט איהם צוגעזאגט א גרויסע מטבע פאר דעם נישט קויפן. און בכדי צו רואינירן ר׳ קאפלען גענצליך, האט דער גלח אנגעזאגט איוואנען אז ער זאל זיך לגמרי נישט

ווייזן פאר ר׳ קאפלען. אז ר׳ קאפיל זאל גארנישט פיהלן וועגן דעם געשפרעך.

דער גוי, איוואן, האט דעם גלח געפאלגט, ער האט אויסגע־מיטן ר׳ קאפלען די ערשטע טעג פון חודש ניסן. ער האט שטארק אכטונג געגעבן אז ער זאל זיך נישט בעגעגענען מיט איהם.

ר׳ קאפיל, האט גארנישט באמערקט אז איוואן באהאלט זיך אויס פון איהם. מן הסתם וועט ער קומען. דעם 13־טן ניסן, איוואן איז נישטא, דעם 14־טן ניסן אינדערפרי, ער זעהט אז איוואן איז נאך נישט געקומען, לויפט ער איהם זוכען. ער איז אבער נישט דא.

הכלל, די צייט רוקט זיך. עס ווערט 9 אינדערפרי, 10 אזייגער, עס איז שוין צייט פון בעור חמץ. ר׳ קאפיל מאכט נישט קיין שהיות, ער פאקט איין זיינע זאכן, די יום טוב׳דיגע מלבושים, די מצות, און אלעס וואס ער האט צוגעגרייט אויף פסח, ער דינגט א דראשקע און פארט אוועק נאך טארניגראד. ער האט מפקיר געווען די שענק, געלאזט אפן, ווי ער וואלט לגמרי קיין „בעל הבית״ נישט געווען אויף די אלע חמצ׳ן.

אין דעם דארף ליקאווע איז געווארן „ששון ושמחה״ די אלע פויערן האבן זיך געריבן די הענד פאר גרויס שמחה, זיי וועלן שוין האבן צו טרינקן וואודקע, גאר אומזיסט. קיין גראשן נישט דארפן באצאהלן, ממש יום טוב.

אלע פויערן האבן זיך געמאכט א הוליאנקע און זיך געגאנגען טאנצנדיג אין דעם ריכטונג פון ר׳ קאפל׳ס אפענע שענק.

זיי, די פויערן קומען צו צו די טיר. די טיר איז אפן, די פעסער ספירט שיינען ארויס, יעדער שטרעקט אויס די האנד א דריי געבן דעם צאפן. – – – די האנד רירט זיך נישט. זי איז געליימט. מ׳קען די האנד נישט צוציהען צו זיך. ממש א פערהארטעוועטער שטיין.

אט אזוי זענען די פויערן דעם גאנצן פסח געבליבן מיט אויס־געשטרעקטע הענד.

ווען מ׳האט דערזעהן נאך פסח די דראזשקע וואס ר׳ קאפיל פארט אויף איהר, זיינען אלע פרויען און קינדער געפאלן אויף די ערד, בעטן רחמים ביי ר׳ קאפלען, אז ער זאל מתפלל זיין צום באשעפער אז ער זאל די פויערן צוריק געזונד מאכן.

לויט א צווייטע מסורה, איז באלד נאכדעם, וואס ר׳ קאפיל האט פארלאזן דאס דארף לוקאוו און אוועקגעפאהרן קיין טארני־גראד, אויסגעבראכן א שלאגס רעגן און ארום דער קרעטשמע וואס האט געהערט צו ר׳ קאפלען איז געווארן א פערפלייצונג און גאר גרויסע בלאטעס, אזוי אז עס איז נישט מעגליך געווען צוצוקומען צו דער קרעטשמע. די בלאטעס האבן אזוי אנגעהאלטן די גאנצע טעג פון יום טוב פסח.

ערשט דעם לעצטן טאג פון יום טוב האט די זוהן, וועלכע האט געברענט אין א פייערדיגע היץ אויסגעטריקנט די בלאטעס און מוצאי פסח, ווען רבי קאפיל מיט זיין גאנצע פאמיליע זענען געקו־מען צוריק צו זייער קרעטשמע, זענען זיי פארוואונדערט געווען, זעהענדיג ווי אלע טיהרן זענען אפן, אבער עס פעהלט נישט קיין שום זאך פון די אלע חפצים וואס זיי האבן איבערגעלאזן אין דער קרעטשמע, אויך צו די בראנפן האט זיך קיינער נישט גערירט.

אויף מארגן האבן איהם די פויערן פון דארף דערצעהלט וואס דא האט פאסירט און ווי אזוי פון הימל האט מען דא אנגעארבעט א גרויסע בלאטע כדי קיינער פון דארף זאל נישט האבן די מעג־ליכקייט עפעס צונעהמען פון זיין פארמעגן.

*

לויט ווי עס ווערט אנגעגעבן אין א אנדער ארט אין נאהמען פון מונקאטשער רב זצ״ל, האט רבי קאפיל ערב פסח איינדערפרי, ווען ער האט איינגעזעהן דאס קיינער וויל פון איהם דעם חמץ נישט אפקויפן, גענומען די אלע פעסלאך מיטן בראנפן, עס אנגע־לאדנט אויף א וואגן, אוועקגעפיהרט צום ברעג טייך און עס דארטן אוועקגעלעגט, זאגנדיג מיט דער גרעסטער כוונה דעם „כל חמירא״.

דערנאך איז ער געקומען אהיים און די שמחה זיינע וואס עס איז איהם מעגליך געווען צו מקיים זיין די מצוה פון ביעור חמץ אן קיין שום עצות, איז געווען אונגעהויער גרויס, ער האט מקיים געווען דעם לא יראה ולא ימצא אין פוהלן זין. זיינע בני בית זענען געווען פארזארגט, וויסנדיג ווי גרויס דער שאדן וואס זיי האבן דא געליטן דורך דעם אוועקווארפן דאס בראנפן, דאגעגן רבי קאפיל

איז געווען אויסערגעוויינליך פריילאך, און די שמחה האט איהם באהערשט דעם גאנצן יום טוב.

ווען עס איז געקומען אסרו חג, איז ר' קאפיל מיט זיין בני בית געווען זיכער, אז אין משך דעם יום טוב האבן די פויערן געוויס אויסגעליידיגט די אלע פעסער מיטן בראנפן. עס איז אבער מעגליך דאס זיי האבן די פעסער נישט געטשעפעט און זיי זענען געבליבן גאנץ, וואלט יעצט געווען רעכט, מען זאל צוגעהן צום טייך און ברענגען פון דארטן די ליידיגע פעסלאך, ווען מען דערפון קענען פארדינען אייניגע קאפיקעס.

ווען זיי האבן זיך דערנעהנטערט צום טייך, זענען אנטקעגן זיי אנגעקומען אייניגע גוים אויסרופנדיג:

– איהר אידן גיט זיך שטענדיג א עצה, אבער ווי קען עס דען מעגליך זיין אזא סארט הפקר, ווען איהר האט געדונגען אייניגע קאזאקן זאלן היטן אויף די בראנפן, אזוי אז קיינער האט זיך נישט געוואגט צוריהרן צו דעם.

רבי קאפיל מיט זיין בני בית האבן נישט פערשטאנען קייןווארט פון דעם וואס די גוים האבן צו זיי געזאגט, וועלכע ווערטער און וואס פאר א קאזאקן האט ער דען געדונגען. די גוים האבן איהם אבער געגעבן צו דערקלעהרן, אז אין משך פון דעם גאנצן יום טוב פסח, זענען ביי דער טייך נעבן די פעסלאך בראנפן גע־שטאנען אייניגע קאזאקן בעוואפנט מיט בלויזע שווערדן און גע־וואכט איבערן בראנפן קיינער זאל עס נישט טשעפען.

ערשטווינט איז רבי קאפיל געווען צוקומענדיג נעהנטער צום טייך און צוזעהענדיג ווי אלע פעסלאך בראנפן זענען געבליבן אנגעפיהלט, עס פעהלט פון זיי אפילו קיין טראפן נישט. ער האט באלד פארשטאנען אז דאס האט איהם די השגחה העליונה צוגע־שיקט הימלישע ווערטער, אלס שכר וואס ער האט מפקיר געווען דעם חמץ מיטן גאנצן הארצן און מיט די גרעסטע שמחה.

ערשט האט רבי קאפיל ווידער געקענט זוכה זיין די בראנפן פון הפקר, און עס אפגעפיהרט צוריק צו זיך אהיים.

תחית המתים אויפן מארק

טארניגראדער אידן ווייסן צו דערצעהלן א וואונדערליכע מעשה וואס האט פאסירט ביי זיי אין שטאדט מיט רבי קאפלען, וואו א גרויסער עולם איז געווען עדות און צוגעזעהן מיט די אויגן די דאזיגע אויסערגעוויינליכע פאסירונג.

אין טארניגראד פלעגט פארקומען דער וואכן מארק יעדן דינסטאג. עס פלעגן דארטן אהינקומען די אלע איינוואוינער פון די ארומיגע דערפער איינצוהאנדלען זייערע אלע באדערפע־נישן, אויך ר׳ קאפיל איז געקומען קיין טארניגראד יעדן דינסטאג כדי איינצוקויפן פאר זיין קרעטשמע די נויטיגע פראדוקטן.

אין איינעם א דינסטאג, ווען רבי קאפיל איז געווען אויפן מארק, באמערקט ער פלוצלונג א גרויסער טומל אין ערגעץ א ווינקל אויפן מארק, מענטשן לויפן און קאכן זיך, עס הערט זיך געשרייען און יאמערליכע קולות, וואס איז דא געשעהן.

ר׳ קאפל געהט צו נעהנטער און אט דערוויסט ער זיך וואס דא איז פארגעקומען, א פויערטע איז צוגעגאנגען צו א אידישן הענד־לער און געוואלט ביי איהם עפעס קויפן. זיי זענען נישט דורכגע־קומען מיטן פרייז און עס האט זיך אנגעהויבן א דינגעניש, ווייזט אויס אז די פויערטע איז געווען א קראנקע און אזוי, אין מיטן דינגן זיך מיטן אידישן הענדלער, גיט די פויערטע א פאל אנידער און זי שטארבט באלד אוועק.

אויפן מארק איז באלד געווארן א גרויס גערודער, די פויערן האבן געטענה׳ט אז דער איד האט איהר א שטויס געטהון און פון פאל איז זי געטויטעט געווארן. די געמיטער זענען אנגעהיצט גע־ווארן און יעדע מינוט איז געווען אין געפאר עס זאל אויסברעכן א פאגראם אויף די אידן וואס געפינען זיך אויפן מארק.

און דא געהט צו פלוצלונג ר׳ קאפיל צו דער טויטע פויערטע און רופט אויס:

– וואס ליגסטו דא אזוי, קאטיע! שטעה אויף און געה שנעל אהיים.

צו אלעמענס וואונדער האט די פויערטע געעפנט איהרע

דער גוי דערצעהלט פאר רבי יעקב קאפלען, אז אלס קינד האט ער געוואוינט נישט ווייט פון לוקאוו, און זיינע עלטערן זענען געווען זייער ארימע, ער פלעגט אפט קומען צו דער קרעטשמע פון רבי יעקב קאפלען, וואו ער פלעגט איהם שטענדיג געבן צו עסן און צו טרינקען, ווי אויך א מלבוש אנצוטהון. ער פלעגט איהם אויך געבן זייער אפט קליינגעלד, פון וועלכן ער, דער גוי, האט זיך אפ־געשפארט און גענומען שטודירן, ביז ער איז צוגעקומען צו א הויכן ראנג.

הערנדיג פון רבי יעקב קאפלען וועגן דעם צוועק וואס ער איז געקומען אהער, האט ער איהם, צו זיין גרויס ערשטוינונג דער־צעהלט, אז ער פארנעמט א הויכן אמט ביים פויפסט אין ביורא, און עס איז פאר איהם איינס פון די לייכטסטע זאכן צו באקומען פאר איהם א וויזיט ביים פויפסט און אפילו אין געציילטע טעג ארום.

(אנדערע דערציילן אז דער פויפסט אליין איז עס געווען דער גויאישער אינגל, וועמען רבי יעקב קאפל האט אלס קינד ארויסגע־האלפן און איהם געגעבן צו עסן און צו טרינקען).

רבי קאפל׳ס באזוך ביים פויפסט האט געהאט גרויס ערפאלג, און נאך אין דעם זעלבן טאג האט ער ארויסגעשיקט א פעראָרדנונג פאר די גלחים און קארדינאלן אין פוילן, זיי זאלן אפרופן זייער דעקרעט און נישט טשעפען די אידן, און נאך איידער רבי יעקב קאפיל איז צוריק געקומען אהיים איז שוין די גזירה בטל געווארן.

ערשט דאן האט רבי יעקב קאפל פארשטאנען פארוואס האט דער בעל שם טוב גראד איהם אויסגעקליבן צו פאהרן קיין רוים, טענה׳נדיג אז נאר דורך איהם וועט מען קענען פועל׳ן צו מבטל מאכן די גזירה איבער די אידן.

פופצן יאהר קעסט

ווי אויבן דערצעהלט, האט רבי קאפיל באקומען א צוגאב פון פינף און צוואנציג יאהר צו זיינע יאהרן מיט דער ברכה חתונה צו מאכן זיין אינגסטע טאכטער און זוכה זיין צו זעהן פון איהר ארויסקומען א גרויסע ליכט. האט ער דעריבער געזוכט א חתן פאר

זיין טאכטער, ער זאל זיין ווערד דאס פון איהם זאל קענען ארויס־קומען די געוואונטשענע ברכה.

ווען מען האט פארגעלעגט פאר רבי יעקב קאפלען, אלס חתן פאר זיין טאכטער מאטיל, דעם שעברעשינער עלוי, דעם יונגן אברהם אליעזר הלוי הורוויץ, האט ער באלד צוגעשטימט צום שידוך. דער חתן איז געווען אויך א גרויסער מיוחס, א אייניקל און שטאמלינג פון דער באוואוסטע מיוחס'דיגע פאמיליע הורוויץ וועלכע האט זיך געצויגן ביז דעם של"ה הקדוש, ווי אויך האט דער חתן פארמאגט אייגענע יחוס, אויסער זיין עילוי'אישקייט אין לומדות, וואו ער האט געקענט הונדערטער בלעטער גמרא אויף אויסנווייניג, ווארט ביי ווארט, איז ער אויך געווען א באשיידענער און א גרויסער בעל מדות.

רבי קאפיל האט זיך דעריבער געלאזט קאסטן וויפל מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט און געשלאסן דעם שידוך. ער האט אויך צוגעזאגט פאר דעם יונגן פארל קעסט אויף פופצן יאהר. צווישן אנדערע האט ער אויך אויסגענומען א בעדינג, אז איבער דאס ערשטע קינד וואס וועט ביי זיין טאכטער געבוירן ווערן, זאל ער, רבי קאפיל האבן די גאנצע דיעה וועגן זיין ערציהונג און אויפהא־דעווען, פונקט ווי איבער זיין אייגענעם קינד.

דער פאטער פון חתן האט צוגעשטימט צו דעם דאזיגן באדינג. ער האט זיך אבער געקווענקלט קעגן דעם באשטימען אזוי פריה די חתונה, ווייל די כלה איז נאך געווען זייער יונג. רבי יעקב קאפיל, האט פארשטעהט זיך נישט געקענט דערצעהלן די אורזאך דערפון, ער האט קיינעם נישט אויסגעזאגט וועגן זיין באגעגעניש מיטן מלאך המות, זיין גאנצן לעבן, ביז מיטוואך אינדערפרי, שושן פורים פון יאהר תקכ"ט, איינציגע שעה איידער ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה אין טארניגראד, האט ער אנטפלעקט פאר די ארומיגע אנ־וועזנדע די דאזיגע פאסירונג. וויבאלד רבי קאפיל איז געשטאנען דערויף בדוקא, האט דער מחותן געמוזט נאכגעבן און די חתונה איז פארגעקומען אין ליקאוו אין יאהר תק"ד און זייער היים האבן זיי געמאכט אין טארניגראד, כדי די קינדער זאלן זיך נישט דארפן אויפהאדעווען צווישן גוים.

דער מתנגד און דער חסיד

ר׳ קאפיל ליקאווער, דער זיידע פון רבין פון לובלין, איז אויך געווען דער זיידע פון א אנדערן מפורסמ׳דיגן חסידישן מנהיג – פון ר׳ שמעון יעראסלאווער זצ״ל, זיין פאטער ר׳ ישראל, איז געווען א זוהן פון רבי קאפיל ליקאווער. עס פארשטעהט זיך, אז סיי רבי קאפיל און סיי זיין זוהן רבי ישראל, זענען געווען פארביסענע מתנגדים.

חסידים דערצעהלן, אז ווען ר׳ ישראל האט זיך דערוואוסט, אז זיין זוהן ר׳ שמעון איז געווארן א חסיד, האט ער איהם גערופן צו א דין תורה, כדי אז בית דין זאל איהם צווינגען צוליב כבוד אב, ער זאל אפלאזן דעם דרך החסידות.

מיט די דאזיגע דין תורה האט זיך אין יענער צייט שטארק גע־טומלט. ביידע צדדים האבן געשטעלט שטארקע טענות און צום סוף האט ר׳ שמעון מנצח געווען.

פונדעסטוועגן האט רבי ישראל נישט אויפגעגעבן זיין האפ־נונג און פיהל מאהל געפיהרט שארפע שמועסן מיט זיין זוהן, מיט דער פראבע איהם איבערצייגן אין דער נישט געוואונטשנהייט פון דעם דרך החסידות.

עס ווערט דערצעהלט אז איינמאל האט רבי ישראל א פרעג געטהון זיין זוהן, רבי שמעונ׳ען :

– ווי קען מען עס זיין רוהיג און נישט אויפשפרינגען, ווען מען זעהט ווי חסידים זאגן תחנון און לאזן נישט קיין טרערן, נאך ערגער, ווען צייטנווייז היפערן זיי עס איגנאנצן, ווען עס מאכט זיך אמאל א יאהרצייט פון א גרויסן צדיק ?

דערויף האט איהם זיין זוהן, רבי שמעון, געענטפערט :

– דו וואונדערסט זיך, טאטע, פארוואס ביי תחנון לאזן נישט חסידים קיין טרערן, און איך פרעג : ווי קען מען גאר אריבערגעהן אויף דעם „איזהו מקומן של זבחים״ און נישט פארגיסן דערביי קיין טרערן, ווען שוין אין די ערשטע משנה שטעלט זיך די פראגע אין איהר גאנצער הארבקייט : וואו געפינט זיך יעצט דאס ארט אויף וועלכן מען האט מקריב געווען קרבנות ? וואו איז יעצט דער

בית המקדש ? וואו איז יעצט דער הייליגער ארט וואו די שכינה האט דארטן גערוהט ? עס צוברעכט דאך אלע ביינער און עס דער־שיטערט דאך יעדע לייב ? דארף מען ווארטן ביז מאנטאג און דאנערשטאג, ווען מען זאגט דעם גרויסן תחנון כדי צו פארגיסן טרערן אויף שכינתא בגלותא ?! ווען ביי אונז חסידים, ווען מיר ריכטן אפ יעדע נאכט תקון חצות, גיסן מיר אויס אונזער הארץ ווי וואסער אויף דעם גלות השכינה, וואסזשע האט מען נאך די טענה אויף אונז ועגן תחנון ?!

*

פאר דער פטירה, ווען ר׳ ישראל איז געווען זייער שלאף, איז ר׳ שמעון געקומען צום פאטער מבקר חולה זיין, האט דער פאטער צוגערופן דעם זוהן און צו איהם געזאגט :

– הער אויס מיין זוהן : ווערסטו זאגן קדיש לויט דעם נוסח אשכנז, אן ,,ויצמח פורקני׳׳׳, איז הרי טוב, אויב נישט, פערלאנג איך נישט פון דיר אז דו זאלסט נאך מיר זאגן קדיש...

האט ר׳ שמעון יעראסלאווער צוגעזאגט דעם פאטער, אז ער ער וועט זאגן קדיש לויט דעם נוסח אשכנז.

די דאזיגע הבטחה פון זיין זוהן האט ר׳ ישראל׳ן אנגעפיהלט מיט אזוי פיהל שמחה, אז ער איז ארויסגעשפרונגען פון קראנקן בעט און אנגעהויבן צו טאנצן פון פרייד אויסרופנדיג :

,,עוד שמעון בני חי !׳׳

און ר׳ שמעון האט געהאלטן ווארט, די גאנצע שלשים האט ער געזאגט קדיש אן ,,ויצמח פורקני׳׳׳. נאך די שלשים איז ער גע־פאהרן קיין לובלין צו זיין פעטער דעם חוזה. באלד ווי ער האט גענומען שלום, האט דער חוזה צו איהם אויסגערופן :

– דיין טאטע, מיין פעטער ר׳ ישראל, איז געווען ביי מיר און ער האט מיר געבעטן איך זאל דיר איבערגעבן, אז דו קענסט זאגן ,,ויצמח פורקני׳׳׳, ווייל אויפן עולם האמת האט ער זיך איבערצייגט אז דער דרך החסידות איז א דרך אמת ...

ר׳ שמעון האט זייט דעמאלס שוין געזאגט קדיש לויטן נוסח ספרד, אבער אין טאג פון דעם יאהרצייט האט ער געזאגט קדיש אן

,,ויצמח פורקני'' צוליב דער הבטחה וואס ער האט געגעבן זיין פאטער.

*

לויט ווי עס איז אנגענומען ביי די אייניקלאך פון רבי יעקב קאפיל פון דער קאמארנער דינאסטיע, האט רבי שמעון יערוסלא־ווער, קומענדיג צום חוזה פון לובלין, נישט געוואלט מען זאל בא־מערקן אז ער זאגט קדיש אן ,,ויצמח פורקני'', האט ער זיך אוועק־געשטעלט אין א ווינקל דאווענען.

דער ראפשיצער רבי, הגה"צ רבי נפתלי זצ"ל, האט עס אבער באמערקט, און ער איז געווען נייגעריג צו וויסן, פארוואס האט זיך רבי שמעון פלוצלונג אויסגעקליבן צו דאווענען אין א פעררוקטן ווינקל. ער האט איהם נאכגעשפירט און געהערט ווי ער פאר־פעהלט ביי קדיש צו זאגן ,,ויצמח פורקני''.

רבי נפתלי האט אנגענומען רבי שמעונ'ען, איהם צוגעפיהרט צום רבין און דערצעהלט איהם וועגן זיין ענדערונג אין דעם נוסח פון קדיש לויטן נוסח אשכנז, ווען דער חוזה האט איהם געפרעגט די אורזאך, האט זיך רבי שמעון פארענטפערט, דאס ער טהוט עס לויט די צוואה פון זיין פאטער רבי ישראל. ער האט דערצעהלט פארן חוזה די גאנצע פאסירונג. דאן האט איהם דער חוזה געזאגט די אויבנדערמאנטע ווערטער און רבי שמעון האט פון דעמאלס שוין געזאגט קדיש נישט פארפעהלנדיג צו זאגן ,,ויצמח פורקני''.

א אפקלאנג פון דער פאסירונג געפינען מיר אין די שאלות ותשובות ,,שואל ומשיב'' פון לעמבערגער רב, הגאון רבי יוסף שאול נאטנזאן זצ"ל, וואו ער שרייבט אין א תשובה צום וואלטשיסקער רב (ח"א סי' רנ"ט) ווי פאלגענד:

,,וועגן דעם וואס איהר פרעגט מיר אן וועגן איינעם וואס האט באפוילן פאר זיין פטירה, דאס איינער פון זיינע קינדער זאל נאך איהם קיין קדיש נישט זאגן .. ווייס איך פון א פאקט, וואס מיין עלטער פעטער, דער גאון רבי יעקב אורנשטיין זצ"ל, לעמבערגער רב און מחבר פון ספר ,,ישועות יעקב'', האט אמאל דערצעהלט, אז דער פאטער פון רבי שמעון יערוסלאווער זצ"ל, וועלכער איז געווען א גרויסער מתנגד, איז אמאל געקומען צו איהם, ווען ער

איז געווען ביי זיין שווער, און געטענה'ט דאס ער וויל נישט אז זיין זוהן זאל נאך איהם זאגן קדיש מיט „ויצמח פורקני", האט מען גע'פסק'נט דאס ער קען איהם נישט דערצו צווינגן, נאר ער זאל זאגן קדיש אן „ויצמח פורקני", ער האט מיר אבער נישט געזאגט דעם טעם דערפון..."

*

דער חוזה פון לובלין פלעגט נאכזאגן א גוט ווארט פון זיין ריידן רבי יעקב קאפיל ווי פאלגענד:

– מיר געפינען ביי יהושע בן נון דאס מען לייענט דאס ווארט „בן" מיט א חיריק, נישט מיט קיין סגול, וואס איז דער טעם דערפון?

– נאר לויט ווי עס איז באוואוסט, האט משה רבינו צוגעגעבן דעם אות י' צו הושע בן נון און זיין נאהמען איז פון דאן געווארן „יהושע" ווי די חז"ל זאגן דערויף: „י' יושיעך מעצת מרגלים" – דער אויבערשטער זאל דיר ארויסהעלפן פון דער בעראטונג פון די מרגלים. פון וואו האט עס משה רבינו גענומען דעם אות י'? זאגן די חז"ל אז עס קומט פון דעם י' פון שרי וועלכע מען האט שפעטער גערופן שרה, פרעגט זיך אבער די פראגע: דער יו"ד פון שרי האט דאך נישט געהאט קיין ניקוד אונטער זיך, ווי אזוי זשע האט דער יו"ד פון יהושע באקומען א שוא?

– האט מען עס טאקע אראפגענומען פון דעם סגול פון דאס ווארט „בן", איז אלזא דערפון געבליבן נאר איין פינטל, און דעריבער לייענט מען בן מיט א חיריק אונטער דעם ב'.

*

רבי יעקב קאפיל איז נסתלק געווארן אין שושן פורים פון יאהר תקכ"ט, און אויף זיין מצבה וועלכע האט זיך געפונען אויף טארניגראדער בית עולם איז אויפגעקריצט געווארן פאלגענדע ווערטער:

„ויצא יעקב מבאר שבע, שהיה משביע לכל עובר ושב
והלך לדרכו בקדושה, קדוש יאמר לו בשנת תקכ"ט לפ"ק
שושן פורים קטן יום ד' נטלו המאורות ונשבה ארון הקדש

נתבקש בישיבה של מעלה התורני הרבני המופלג בתורה ובגמ"ח המפורסם לשבח מו"ה יעקב קאפיל בה"מ קלונימוס".

די איבעריגע שורות זענען אפגעמעקט געווארן און זיי זענען נישט לייענבאר.

צווייטער קאפיטל

ביים רבי'ן ר' שמעלקע פון ניקלשבורג

יוגנד־יאהרן

אין יאהר תק"ה האט מאטיל, די טאכטער פון רבי יעקב קאפל ליקאווער און די פרוי פון רבי אברהם אליעזר הלוי הורוויץ, גע־בוירן א אינגל, וועלכן מען האט דאן א נאהמען געגעבן יעקב יצחק.

מען קען זיך פארשטעלן ווי גרויס עס איז געוועזן די פרייד פון ביידן, האבנדיג א הימלישע הבטחה אז פון דעם דאזיגן קינד וועט אויסוואקסן א גרויסע ליכט וואס וועט פארשיינען דעם אידישן האריזאנט.

רבי קאפיל האט נאכגעשפירט דאס אנטוויקלונג פון דעם קינד און ער האט איינגעזעהן צו זיין גרויס פרייד, אז די רייד פון מלאך ווערן ווירקליך אויסגעפיהרט, און אז שוין פון קינדווייז אן זעהט מען אויף דעם קליינעם יעקב יצחק דאס ער וואקסט א גדול בישראל.

זיינע כשרונות האבן זיך פריהצייטיג ארויסגעוויזן. אלט זייענ־דיג דריי יאהר, האט ער שוין געקענט דעם גאנצן דאווענן אויף אויסנוויינינג.. אין חדר האט ער זיך אויסגעצייכנט און געווען צווישן די בעסטע קינדער.

יסורים באהבה

פון קינדווייז אן פלעגט דער קליינער יעקב יצחק ליב האבן צו פראווען התבודדות, זיך צו אפזונדערן פון מענטשן, ארויסגעהן אויפן פעלד און זיך פארטיפן אין זיינע געדאנקען. זייענדיג א עילוי, פלעגט ער באלד מיטן ערשטן מאהל אויפכאפן אלעס וואס

דער מלמד האט געלערנט מיט די קינדער, און נאכדעם וואס ער איז געווען קלאהר אין דעם גאנצן ענין מיט אלע פינטאלאך, פלעגט ער זיך ארויסכאפן פון חדר, ארומוואנדערן אין די וועלדער אדער צווישן די פעלדער זייענדיג פארזונקען אין זיינע געדאנקען.

דער מלמד האט עס נישט געקענט פארטראגן און יעדעס מאל ווען דער קליינער פלעגט צוריקקומען אין חדר פלעגט ער כאפן געשלאגן פון רבין.

איינמאל האט דער מלמד באשלאסן נאכצושפירן דעם קליי־נעם און זעהן וואס ער טהוט דארטן אויף די פעלדער. ווי ער־שטוינט איז דער מלמד געווארן טרעפנדיג דעם קליינעם יעקב יצחק׳ל זיך וואלגערן צווישן בייסענדע מוראשקעס און שרייען מיטן גאנצן הארץ: „שמע ישראל״. דאן האט שוין דער מלמד געזעהן אז ער האט דא צוטהון מיט נישט קיין געוויינליכן קינד, נאר מיט איינעם וועמענס באגריפן עס זענען שוין העכערע און ער זוכט צו שטייגן אין יראה און אהבה צום אויבערשטן, פארש־טעלנדיג זיך פון מענטשנ׳ס אויגן. מעהר האט שוין דער מלמד איהם נישט אנגעריהרט, און זיך באצויגן צו איהם מיט גרויס יראת הכבוד.

געפינען ג־ט׳ליכקייט

אויף דער פאטער זיינער, ר׳ אברהם אליעזר, האט נישט גע־קענט פארשטעהן דאס פיהרונג פון זיין קליינעם אינגל, און ער פלעגט איהם אנשרייען און מוסר׳ן פארוואס ער פארברענגט די צייט איבערן פעלד, אינדערצייט ווען ער דארף זיצן אין בית המדרש. דאס קינד האט אבער גארנישט געענטפערט, ער האט זיך אבער ווייטער געפיהרט ווי פריהער, נאר מעהר אכטונג געגעבן דער פאטער זאל זיך דערפון נישט ערגערן.

איינמאל, ווען דער פאטער האט איהם אויסגערעדט, האט ער איהם געפרעגט:

– זאג מיר, יצחק׳ל, וואס זוכסטו דארט עפעס אויף די פעלדער און אין די וועלדער?

יצחק׳ל האט אראפגעלאזט די קאפ און געענטפערט:

– איך זוך דארטן דעם אויבערשטן, דער באשעפער פון דער וועלט מיטן גאנצן באשאף.

דער פאטער איז אין אנהויב ערשטוינט געווארן הערנדיג דעם דאזיגן ענטפער, אבער באלד האט ער זיך צו איהם אנגערופן:

– דו ווייסט דאך אבער, יצחק׳ל אז דער רבונו של עולם איז פוהל די גאנצע וועלט, „מלא כל הארץ כבודו״, אומעטום קען מען איהם געפינען, מען דארף נאר האבן ריינע געדאנקען און קלאהרע אויגן, און בעזונדער ווען מען הארעוועט אין לערנען, מען דארף איהם אבער נישט געהן זוכן.

– בין איך, אויב אזוי, אויך א טייל פון אט די גאנצע וועלט? – האט דער קליינער יצחק׳ל צוריק געפרעגט.

– געוויס, מיין קינד – האט דער פאטער געענטפערט – יעדער מענטש ווערט אנגערופן אין די הייליגע ספרים ווי א עולם קטן, א קליינע וועלט, ווייל ער איז ווי א וועלט פאר זיך און ווי די חז״ל זאגן: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא״ – ווער עס האלט אויף איין אידיש נפש איז עס גלייך ווי ער וואלט אויפגעהאלטן א גאנצע וועלט.

– הייסט עס, אלזא, אז אויך אין מיר געפינט זיך א ג־ט׳ליכער טייל, וואס פיהלט אן די גאנצע וועלט, אט דעם דאזיגן טייל זוך איך טאקע און איך געפין איהם אין מיר נאר דאן ווען איך בין איינער אליין און נישט צווישן מענטשן.

דער פאטער האט פון דעם שמועס פערשטאנען אז דאס קינד איז חס ושלום נישט מבטל פון לערנען, פארקערט ער זוכט צו שטייגן אין זיינע השגות פון הכרת אלקות, אין העכערע זאכן. האט ער איהם מעהר נישט געשטערט און אויפגעהערט איהם צו אויס־רעדן און מוסרן. ער האט פארשטאנען אז פון דעם דאזיגן קינד וועט געוויס אויסוואקסן א גדול וקדוש.

נאכדעם וואס עס האט זיך געענדיגט די פופצן יאהר קעסט. איז רבי אברהם אליעזר אויפגענומען געווארן אלס רב אין יוזעפאוו, אבער לויטן אפמאך אז דאס ערציהונג פון קינד געהערט צום זיידן רבי קאפיל, איז רבי יעקב יצחק געבליבן ביים זיידן.

אבער אזוי ווי דער זיידע האט איהם אין טארניגראד מעהר נישט געוואלט לאזן און ביי זיך אין דארף האט ער איהם נישט געוואלט האלטן, האט ער איהם אוועקגעשיקט לערנען קיין לאנצוט, וואו עס האט דארטן אנגעפיהרט א ישיבה, דער זשאלקעווער רב הגאון רבי משה צבי הירש מייזליש זצ״ל, דארטן האט דער יונגער יעקב יצחק געשטיגן אין לערנען און דערנאך אוועקגעפאהרן קיין שינעווע און אריינגעגאנגען לערנען אין דער גרויסע ישיבה וואס האט אנגעפיהרט דער גאון און צדיק דער רבי ר׳ שמעלקע זצ״ל פון ניקלעשבורג, וועלכער איז דאן געווען רב אין שינאווע.

דארטן אין שינעווע, ביים רבין רבי שמעלקע האט דער רבי פון לובלין קונה שלימות געווען און באקומען זיינע אלע מעלות, ער האט אויסגעארבעט זיין „ראיה״ און זיין רעדן, זיי זאלן זיין ריין „בלתי לה׳ לבדו״, נאר פארן אויבערשטער אליין.

דער רבי ר׳ שמעלקע

מיר וועלן זיך דא אביסל אפשטעלן און דערצעהלן וועגן די גרויסקייט פון רבין רבי שמעלקע זצ״ל, כדי צו פארשטעהן די גרויסע ווירקונג וואס דער דאזיגער צדיק האט געהאט אויף ר׳ יעקב יצחק׳ן אין זיינע יוגנד־יאהרן.

דער רבי ר׳ שמעלקע איז געבוירן געווארן אין יאהר תפ״ו ביי זיין פאטער דער גאון רבי הערשעלע זצ״ל, טשארטקאווער רב, אלס יונגערמאן איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין דער שטעדטל ריטשעוואל, וואו ער האט געגרינדעט א ישיבה. שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שינאווע, וואו ער האט דארטן אריבערגעפיהרט די ישיבה. אין יאהר תקל״ג איז ער אויפ־גענומען געווארן אלס רב אין ניקלעשבורג און שפעטער אין יאהר תקל״ה אלס דער הויפט רב פון גאנץ מעהרן.

נאכדעם ווי ער האט זיך דערנעהנטערט צום מעזריטשער מגיד זצ״ל, איז ער געווארן פון זיינע גרעסטע תלמידים און פארשפרייט חסידות איבעראל אוואו ער איז געקומען.

זיין ישיבה אין אלע ערטער וואו ער האט אנגעפיהרט מיט

רבנות איז געווען איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע ישיבות אין יענעם דור.

פון די תלמידים קען מען האבן א השגה, ווער עס איז געווען זייער רבי. צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע זענען געפארן לערנען די גרעס־טע מענטשן אין יענעם דור, זיין ישיבה איז בארימט געווען אין גאנץ אייראפע, ער האט ניט געפראוועט קיין רבי׳סטווע, ווי דער שטייגער איז געווען אין די שפעטערדיגע צייטן, נאר תופס ישיבה געווען, געלערנט מיט תלמידים, געזאגט שיעורים, גמרא מיט תוספות, ראשונים און אחרונים.

דער שטייגער פון זיין לערנען האט מקרב געווען די צמאים לדבר ד׳, זיין קדושה, זיין פרישות, זיין דאווענען, זיין אפריכטן חצות מיט גרויסע בכיות און יללות, זיין עוסק זיין אין זוהר און אין אנדערע קבלה־ספרים, זיין דבקות אין באשעפער, האט שטארק משפיע געווען אויף זיינע תלמידים.

ער האט ליב געהאט אפילו דעם פחות שבפחותים ביי אידן: מתפלל געווען, אז מען זאל מן השמים ניט מעניש זיין די שונאים זיינע, ער האט זיי נאך דן געווען לכף־זכות: פון דור־דורות אשכנזים, וואס איז דא דער חידוש, וואס זיי קוקן קרום אויף א רב, וואס פירט זיך לויט דעם נייעם חסידישן דרך?

בכלל איז דאך נאך דער חסידישער דרך געווען ניי און פרעמד פאר די מאסן אידן, און דער רבי ר׳ שמעלקע איז דאך געווען א תלמיד פון גרויסן מגיד פון מעזריטש, וועלכער איז געווען דער ממלא־מקום פון בעל־שם טוב זצ״ל.

צווישן די גדולי התלמידים פון רבי׳ן ר׳ שמעלקע זענען געווען:

זיין זוהן הגאון הקדוש ר׳ צבי יהושע הלוי האראוויץ, רב אין יעסניץ, טרייביטש, פרוסניץ, טארנא, בעל מחבר פון די ספרים: „סמיכת משה״ און „חידושי הריב״ש״. רבי משה לייב סאסאווער, א בארימטע הייליגע פערזענליכקייט, וועלכער האט כל ימיו עוסק געווען אין פדיון־שבויים, ער האט געוואנדערט איבער דערפער און ישובים, און וואו ער האט דערהערט אז א פריץ האט „זיין אידן״ פארשפארט אין תפיסה, צוליב ניט באצאלן אין צייט פאר זיין ארענדע, איז ר׳ משה לייב ארומגעפארן איבער שטעט און שטעט־

לעך, געזאמלט געלט, באצאלט דעם פריץ זיין חוב און באפרייט דעם אידן פון תפיסה: דרייצן יאהר האט ר׳ משה לייב סאסאווער געלערנט ביים רבי׳ן ר׳ שמעלקע. דער הייליגער מגיד פון קאזשניץ ר׳ ישראל האפשטיין, א גאון־עולם בנגלה ובנסתר. דער רבי פון לובלין, דער „חוזה״, ר׳ יעקב יצחק הארוויץ. דער בעל „קדושת לוי״, ר׳ לוי יצחק פון בארדיטשעוו. הרב הגאון ר׳ אברהם חיים, רב אין זלאטשעוו, דער בעל „אורח לחיים״. הגאון הקדוש ר׳ מענדעלע רימאנאווער. הגאון הקדוש ר׳ יצחק אייזיק, רב אין קאליוו. הרב ר׳ שמעון דייטש, זשעלעכאווער רב. הרב הגאון ר׳ שלמה רב אין קשאנאוו. הגאון הקדוש ר׳ מרדכי באנעט, ניקעלשבורגער רב (דער חתם סופר זצ״ל ברענגט אין זיינע „שאלות ותשובות״ חלק ו, סימן לז, אז ר׳ מרדכי באנעט האט איבערגעלאזט א צוואה, אז מען זאל איהם מקבר זיין נעבן זיין רבי׳ן, ר׳ שמעלקע). הרב הגאון ר׳ מאיר קריסטינפאלער, בראדער רב. הרב הצדיק ר׳ פנחס פון פוילן. הרב הצדיק ר׳ זכריה מענדל פון יעראסלאוו, דעם רבין ר׳ שמעלקע׳ס שוועסטער׳ס זון, מחבר פון ספר „דרכי צדק״. הגאון ר׳ נתן נטע בארער, רב אין שטרים און אין ליטאמארסק, אויך א שוועסטער׳ס א זון. הרב הגאון ר׳ יוזפא פון קאזמיר (דער שווער פון הגאון ר׳ משולם זלמן אשכנזי, לובלינער רב). הגאון ר׳ יצחק פון קראקע, מחבר פון ספר „שיח יצחק״. הגאון הצדיק ר׳ משה טייטלבוים, דער בארימטער אוהלער רב, מחבר פון „ישמח משה״ אויף תורה און „והשיב משה״, שאלות ותשובות אויף די פיר „שלחן ערוך׳ס״. דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. זיין ברודער דער רבי ר׳ זושע אניפאלער.

פון די דאזיגע צוואנציג הויפט־תלמידים, קען מען האבן א שטיקל השגה, ווי גרויס עס איז געווען זייער רבי, דער רבי ר׳ שמעלקע הלוי הארוויץ!

און געקומען לערנען צו איהם זענען ניט בלויז תלמידים פון די אויבנדערמאנטע מדינות, נאר זעהר פיל זענען געקומען פון מדינות אשכנז, פון מעהרן, פון בעהמען, פון דער סלאוואקיי און פון טשעכנלאנד, פון פרייסן און פון שלעזיען א. א. וו.

וואס כבוד מיינט

מיר האבן שוין דערציילט אז דער רבי ר׳ שמעלקע איז פון שינאווי אויפגענומען געווארן אלס מרא דאתרא פון דער גרויסער דעמאלט באריממטער קהילה אין מעהרן, ניקעלשבורג. דער חידוש איז געווען, וואס יענע קהלות זענען געווען אשכנזישע ממילא איז דער נייער חסידישער דרך זיי געווען אינגאנצן פרעמד; זיי האבן עפעס יא געהערט, אז אין דערווייט איז אויפגעשטאנען א כת, וועלכע רופן זיך חסידים, אבער מיט וואס דאס שמעקט האבן זיי ניט געוואוסט; זיי האבן ניט פארשטאנען צו וואס עס דארף א איד א למדן און א שומר תורה און מצוות, נאך דערצו ארבעטן מיט זיך צו זיין א חסיד ? ...

דער רבי ר׳ שמעלקע איז אבער אויך געווען א גרויסער למדן אין נגלה; ממילא האבן זיי ניט מקפיד געווען וואס ער איז אויך עוסק אין חסידות.

דער אלטער סאדיגערער רבי זצ״ל פלעגט דערציילן, אז דער רבי ר׳ שמעלקע פלעגט קיינמאל זיך ניט א קראץ טאן אין זיין גוף. ער פלעגט זאגן : וואס פאר א טובה טוט מיר דער גוף, אז ווען עס בייסט אים זאל איך אים דארפן קראצן ...

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטער נסיעה צום מעזריטשער מגיד, האבן אים זיינע לומדישע בעלי־בתים געפרעגט : וואס פאר א חידוש ער האט געלערנט ביים רבי׳ן ר׳ בער ? האט ער זיי געענטפערט : ביז איצט האב איך געפייניגט און מסגף געווען מיין גוף מיט תעניתים, כדי דער גוף זאל קענען סובל זיין מיין נשמה... און היינט ארבעט איך מיט מיין נשמה זי זאל קענען סובל זיין מיין גוף און זיך פון אים נישט שיידן.

וועגענער, געשפאנט מיט פיר פערד, זענען אנטקעגנגעפארן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע; די נכבדים און פרנסים, די לומדים און אנשי מעשה זענען אנטקעגנגעגאנגען דעם נייעם רב און זיי האבן אים אריינגעפירט מיט גרויס כבוד אין שטאט אריין.

די גאנצע שטאט, אנשים נשים וטף, האבן שוין געווארט אויף

אים אין דער גרויסער ניקעלשבורגער שול, זיי זענען אים געקומען מקבל פנים זיין.

אין דער גאנצער שטאט האט זיך געפילט א יום־טוב שטימונג; די געסלעך, וועלכע האבן געפירט צו דער ניקעלשבורגער שול, זענען געווען פול מיט אידן, אנגעטאן אין בגדי שבת : זיי זענען אלע געשטאנען און געווארט, מיט אומגעדולד, צו זען דעם גרויסן נייעם רב, וועלכער האט גע׳שמ׳ט אין די תפוצות אלס גדול וקדוש.

ווען די קאטש, וואס האט געפירט דעם רב און די פירער פון דער ניקעלשבורגער קהילה, האט זיך אפגעשטעלט ביים הויז פון איינעם פון די נגידים, וואו דער רבי ר׳ שמעלקע האט געדארפט איינשטיין און זיך גרייטן צו גיין אין שול אריין, צו האלטן זיין ערשטע דרשה, האט דער רבי ר׳ שמעלקע געבעטן ביים גאסט־געבער, אז ער זאל אים געבן א צימער אויף א ווייל, ווייל ער דארף זיך צוגרייטן צום אפיציעלן קבלת־פנים.

די פני־העיר, די פרנסים, האבן מיט אומגעדולד געווארט אין א זייטיגן צימער. ווען זיי האבן אבער געזען אז עס דויערט שוין א שעה און דער רב איז נאך אלץ פארמאכט אין זיין חדר־מיוחד, האט יעדער איינער פון זיי צוגעלייגט א אויער, צו הערן וואס ער טוט דארטן אין זיין חדר. איינער פון זיי האט געכאפט א קוק אין דעם שליסל־לאך, און ווי דערשטוינט איז ער געווארן, זעהענדיג ווי דער נייער ניקעלשבורגער רב רעדט צו זיך אליין און טיילט זיך אליין צו כבוד : שלום עליכם ניקעלשבורגער רב, שלום עליכם, רבי, מיר האבן געהערט אז איר זייט א למדן, א גאון, א צדיק... ער האט אויך געזען דורכ׳ן שליסל־לאך, ווי דער רב בוקט זיך און דרייט זיך אין דרייען און חזר׳ט איבער כסדר די ווערטער : שלום עליכם, רבי, שלום עליכם, רבי, בואכם לשלום, ניקעלשבורגער מרא דאתרא ...

א קאלטער שוויס האט באגאסן די אידן, ווען זיי האבן דערהערט וואס דער רבי טוט דארטן אין חדר ...

די שול איז פול געפאקט מיט מענטשן : די דיינים און מורי־הוראות, קצינים און נגידים פון דער אלטער בארימטער ניקעלש־בורגער קהילה ווארטן מיט אומגעדולד מקבל פנים צו זיין דעם נייעם מנהיג ישראל ; אויך די געסלעך ארום זענען פול מיט

מענטשן, אנשים, נשים וטף; אלע שטייען זיי און ווארטן אויפ׳ן רב׳ס דרשה – און דא רעדט ער גאר צו זיך אליין, און נאך וואס פאר א דיבורים: שלום עליכם, רבי, בואכם לשלום מרא דאתרא!...

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז ענדליך ארויסגעקומען פון זיין חדר־מיוחד און איז גרייט געווען צו גיין אין שול אריין, האט זיך איינער פון די פרנסים אנגעטאן א כוח און געפרעגט דעם רבי׳ן מיט הכנעה: האט קיין פאראיבל ניט, ניקעלשבורגער רב, זאגט אונז די כוונה פון אייער רעדן צו זיך און צוטיילן כבוד צו זיך אליין?...

האט דער רבי ר׳ שמעלקע געענטפערט: איך האב מורא געהאט אז קומענדיג אין שול אריין וועלן אלע זיך שטופן צו מיר און מיר צוטיילן כבוד, זיי וועלן זאגן: שלום עליכם, רבי, שלום עליכם, ניקעלשבורגער רב, בואכם לשלום מרא דאתרא; קען איך נאך אמאל ארייננפאלן אין גאות דורך אזא קבלת־פנים... האב איך דעריבער צו זיך אליין גערעדט א שעה צייט: שלום עליכם, רבי, שלום עליכם, רב, בואכם לשלום מרא דאתרא... מיט דער כוונה, אז ווען איך וועל די רייד שפעטער הערן אין שול, זאלן זיי ניט ווירקן אויף מיר צום שלעכטן, ווייל וואס פאר א פנים האט א כבוד ווען א מענטש טיילט זיך עס אליין צו?

די משנה זאגט (אבות, פרק ב, משנה יב): *יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך* – דער כבוד פון דיין חבר זאל ביי דיר אזוי ליב זיין ווי דיין אייגענער כבוד... פונקט ווי ווען דו טיילסט זיך אליין צו כבוד, האט עס קיין טעם ניט, אזוי זאלסטו אויך פילן, ווען דיין חבר טיילט דיר צו כבוד...

איצט האבן זיך די ניקעלשבורגער ראשי הקהל איבערצייגט, אז פאר זיי שטייט דא ניט בלויז א גאון בתורה, נאר אויך א קדוש וטהור.

גייענדיג צום קבלת־פנים, האט דער רבי ר׳ שמעלקע אויפ׳ן וועג געהאלטן אין איין רעדן וועגן דער מידה פון כבוד ווי זי מאכט א תל עולם פונ׳ם מענטשן. „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם" (אבות, פרק ד, משנה כ״א). די תורה ווערט נקנית צו א מענטשן מיט אכט און פערציג מעלות, און איינע פון די

מ״ח דברים איז „ומתרחק מן הכבוד״ (אבות פרק ששי) – דער כבוד געהערט צום מלך הכבוד און ניט צו א בשר ודם.

ווען אפילו א שר זאל זיך אנטאן דעם מלכ׳ס א מלבוש, וועט עס זיין א בזיון פאר׳ן מלכות. על אחת כמה וכמה ווען א פראסטער עבד וועט זיך אנטאן דעם מלכ׳ס א בגד אדער ארויפזעצן די קרוין אויף זיין קאפ; צו וועט ער ניט זיין חייב מיתה? היינט ווי אזוי־זשע קען א בשר ודם וועלן אנטאן דעם מלכ׳ס בגדי מלכות? דע־ריבער זאגט די משנה, אז כבוד איז מוציא דעם מענטשן מן העולם; פארוואס? ווייל ער איז חייב מיתה, ער האט זיך אנגעטאן דעם מלך־הכבוד׳ס לבוש...

א שוידער און א ציטער האט ארומגענומען די פרנסים און מנהיגי הקהלה פון דער אלטער ניקעלשבורג, הערנדיג פון אים אזעלכע גליענדיגע, הייליגע רייד.

*

מיט אינערליכער הכנעה און טיפן דרך־ארץ האבן זיי געפירט דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע אין שול אריין, וואו ער האט געדארפט, לויט׳ן אלטן מנהג, זאגן זיין ערשטע דרשה.

אין דער שול האבן זיך אבער אויך געפונען קעגנער פונ׳ם נייעם רב; זיי האבן ניט געקענט סובל זיין, וואס זייער מרא דאתרא איז איינער פון דער „כת״, און כאטש זיי האבן אין זייער לעבן ניט געזען קיין חסיד פאר זייערע אויגן, ווייל, כידוע, איז מדינת מעהרן געווען ווייט פון די חסידישע געגנדן, זי האט זיך גיכער ארייגעפאסט אין די אשכנזישע קהלות; ממילא איז דער ענין „חסיד״ געווען כמעט ווי אומפארשטענדליך, אפילו פאר לומדים און בני־תורה. רעדן אבער אנטקעגן דעם באשלוס פון די פרנסים האבן זיי ניט געקענט, ווייל וואס פאר א דעה האבן זיי געהאט אין קהלה לעבן? האבן זיי זיך דעריבער פארנומען צו שטעלן דעם נייעם רב קשיות, פרעגן שווערע גמרא׳ס, הארבע רמב״ם׳ס, ווי עס איז דער שטייגער ביי גדולים און לומדים.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז ארויף אויף דער בימה און ער האט זיך איינגעהילט אין זיין גרויסן וואלענעם טלית, איז ער פארבליבן אזוי שטעהן איינגעהילטערהייט א פערטל שעה צייט.

די דאזיגע לומדים וועלכע זענען גרייט געווען מיט אים זיך מפלפל צו זיין, האבן אויסגעבראכן אין א געלעכטער. סטייטש ? וואס איז דאס פאר א דרך ? טרחא דציבורא... פארוואס הויבט ער ניט אן צו דרש׳ענען ?

זיי זענען אבער באלד פארציטערט געווארן, ווען דער רבי ר׳ שמעלקע האט מיט א דונערדיגער און פלאם־פייערדיגער שטימע אנגעהויבן רעדן :

שרפים ואופנים וחיות הקודש ציטערן און פלאטערן, זיי האבן מורא צו זאגן שירה, פאר׳ן פחד פון הקדוש ברוך הוא ; ווי אזוי־זשע קענען מיר אנהויבן צו דרש׳ענען ?...

א גרויס געוויין פון אלע אנוועזנדע האט באגלייט די קורצע הקדמה פון רבי׳ן ר׳ שמעלקע ; די הערצער פון די וועלכע זענען געווען אין ספק אין זיין גדלות, זענען ווי וואקס אין פייער צוגאנגען געווארן.

אידן לומדים, פון די שכנות׳דיגע קהלות אין מעהרן און בעהמען פון פראג און נאך אנדערע שטעדט, זענען געקומען זעהן א רב א חסיד, א מרא דאתרא, וועלכער צעפלאמט אידישע הערצער און איז זיי מקרב לאביהם שבשמים.

צדקה און חסד

עס ווערט דערציילט : א ארימאן איז אמאל אריינגעקומען צום רבי׳ן, ר׳ שמעלקע, בעטן א נדבה. האט דער רבי פונקט דאן קיין פרוטה ניט געהאט אין הויז ; אזוי ווי אויפ׳ן טיש איז געלעגן א גאלדענער רינגל, האט דער רבי עס אוועקגעגעבן צום ארימאן.

ווען די רביצין זיינע האט עס באמערקט, האט זי זיך אנגערופן צו איר מאן: „צו ווייסטו ניט, אז דאס רינגל איז א יקר המציאות?״

– אזוי גאר – רופט זיך אפ דער רבי ר׳ שמעלקע.

ער כאפט זיין קאפאטע און לויפט ארויס אויפצוזוכן דעם ארימאן, און ווען ער באגעגנט אים, זאגט ער צו איהם, בלשון חיבה : „זייט וויסן, אז דאס פינגערל איז א יקר המציאות ! ווען איר וועט עס פארקויפן לאזט אייך ניט אפנארן...״

די רביצין איז געוועזן זיכער, אז איר מאן לויפט ארויס צוריק־ברענגען דאס גאלדענע ירושה־פינגערל... אבער דער רבי ר' שמעלקע האט גאר געוואלט זיין זיכער, אז דער ארימאן זאל עס ניט פארקויפן צו־ביליג ..

*

יוסי בן יוחנן איש ירושלים זאגט (אבות פרק א, משנה ה):
„יהי ביתך פתוח לרוחה" – זאל דיין הויז זיין ברייט אפן... „ויהיו עניים בני ביתך" – זאלן די אריינגעקומענע ארימע־לייט זיך פילן ביי דיר ווי דיינע אייגענע מענטשן...

איז טאקע די היים פון רבי'ן ר' שמעלקע געוועזן א היים פאר אורחים, עוברים ושבים, פאר פארבייגייער, פאר שטאטישע און פרעמדע ארימעלייט.

ויהי היום, און דער רבי ר' שמעלקע איז געזעסן שפעט ביי־נאכט און געלערנט מיט גרויס התמדה, קומט אריין א אורח און בעט א געלעגער אוועקצולייגן זיין מידן קערפער. פארעט זיך ארום אים דער רבי ר' שמעלקע און זוכט פאר אים א ארט. אלע בעטן און אלע בענק זענען שוין פארנומען אלע קאלדרעס און איבערבעטן האבן שוין באדעקט די פרעמדע ארימע אידן.

זוכנדיג אזוי, דערמאנט זיך דער רבי ר' שמעלקע, אז ער האט הענגען זיין ווינטערדיגן טוליפ אין קליידער־שראנק. ער לויפט שנעל ארויף אין זיין אויבער־שטיבל און ברענגט אראפ זיין ווינ־טערדיגן שווערן פעלץ און גיט עס דעם אורח, ער זאל זיך מיט דעם צודעקן...

געוויינליך האט זיך דער רבי ר' שמעלקע געפעדערט אלע טאג, און פאר'ן עלות־השחר זיך שוין גענומען צו זיין טאג־טעגליכער עבודה. ער האט זיך נוהג געוועזן אריינצוגיין אין דעם חדר, וואו די אורחים זענען געשלאפן, כדי צו זען צו עמיצער דארף נישט עפעס האבן. ווי דערשטוינט איז ער איצטער געווארן, אז יענער אורח, וואס האט זיך צוגעדעקט מיט זיין ווינטערדיגן טוליפ איז פאר־שוואונדן געווארן אינמיטן נאכט און מיטגענומען זיין פעלץ...

שנעל לויפט דער רבי ר' שמעלקע ארויס אין גאס; ער זוכט דעם אורח, און ער געפינט אים. יענער ברעכט אויס אין א געוויין

און מיט חרטה־געפילן בעט ער מחילה ביים ניקעלשבורגער רב, באשר דער יצר־הרע האט אים צוגערעדט ער זאל צו־גנב'ענען דעם פעלץ ..

דער רבי ר' שמעלקע שלאגט אים איבער אין זיינע רייד און זאגט : ,,חס ושלום, איך בין ניט געקומען צולויפן כדי אפצונעמען ד'עם ווינטערדיגן מלבוש , איך בין נאר געקומען צו לויפן אייך מודיע צו זיין, אז איך שענק אים אייך אוועק אלס א מתנה גמורה, כדי איר זאלט ניט עובר זיין אויפ'ן לאו פון ,,לא תגנובו''...

נאכ'ן דאווענען פלעגט דער רבי ר' שמעלקע צוגיין צו יעדן אורח אין בית המדרש און אים פרעגן : צו ער איז ניט אמאל הונגעריג ? אויב יא, קען ער מיט אים מיטגיין עפעס איבערבייסן, אדער עסן וועטשערע. איינמאל זאגט אים א אורח : ,,רבי, אין דער אמת'ן בין איך ניט הונגעריק : ווען אבער איר זאלט מיר געבן א טרונק בראנפן מיט א שטיקל הערינג, וואלט איך באקומען אפעטיט צו עסן ...''

ענטפערט אים דער רבי ר' שמעלקע : עס איז א גרויסע מצוה אנצוזעטיגן א הונגעריגן, אבער עס איז ניט קיין מצוה הונגעריג צו מאכן א אידן, כדי אים שפעטער צו געבן עסן...

*

קיינמאל האט זיך ר' שמעלקע ניט געלייגט שלאפן אויף א בעט, מורא האבנדיג, טאמער וועט ער פארשלאפן די טייערע צייט ; נאר ער פלעגט אנשפארן זיין קאפ אויפ'ן טיש און כאפן א דרימל.

ה' ניסן תקל''ב, האט אויפגעשטורעמט גאנץ ליטע. מיט'ן הסכם פון בית־דין צדק, ובראשם דער ווילנער גאון, איז ארויסגעגעבן געווארן א חרם אויף דער כת החסידים, אז מען זאל זיך מיט זיי ניט מתחבר זיין, ניט עסן פון זייער שחיטה א.א.וו.

פונדעסטוועגן דערציילן ערליכע מקורות, אז דער גאון פון ווילנע זצ''ל האט געזאגט מיט'ן לשון פון דער גמרא (מגילה, דף ז, עמוד א) : לכולהו אית לי פירכא לבר משמואל... אויף אלע פון די חסידים האב איך א קשיא און איך קען זיי אפפרעגן, א חוץ אויף שמואל'ן... אויפ'ן ניקעלשבורגער רב ר' שמואל שמעלקע הארוויץ.

אזא זאג פון דעם גרעסטן גאון פון דער מתנגדישער וועלט און

דער גרעסטער גאון אין נגלה און נסתר ווי עס איז געווען דער ווילנער גאון, קען מען שוין האבן א שטיקל השגה, ווי גרויס עס איז געווען דער רבי ר׳ שמעלקע ניקעלשבורגער.

איז שוין גאר קיין חידוש נישט, וואס גדולים און קדושים זיינען, פון נאהנט און פון ווייט, געקומען צו אים, פריער ווען ער האט געוואוינט אין שינעווי און אין ריטשעוואל, און שפעטער אין ניקעלשבורג.

פיינד ווערן פריינד

אין דער גרויסער אשכנזישער קהילה פון ניקעלשבורג האט געלעבט א איד א נגיד, א בעל השפעה, א גרויסער סוחר, וואס האט געפירט מסחרים מיט פריצים, מיט גענערעלער און מעהרישע מלוכה־לייט. פאר זיינס א ווארט האבן געציטערט די קהל׳שע מענטשן פון שטאט. קהל האט נישט געוואגט צו טאן קיין קליינע – און אוודאי נישט – קיין גרויסע זאך, נישט זיך מיישב צו זיין מיט יענעם תקיף. דערצו איז נאך יענער בעל השפעה געווען אויך א ביסל א בן תורה און א נדבן. ווער האט זיך שוין געקענט פאר־מעסטן מיט אזא מענטשן וועמען דאס גליק האט צוגעשפילט, און עס איז אים געגאנגען אין אלע היגזיכטן מיט דער פוטער ארויף.

דער דרך הטבע פון אזעלכע תקיפים איז, זיך צו טשעפען צום רב, אדער דיין פון שטאט. די סיבה איז א גאנץ פשוט׳ע. א נגיד האט ליב חנופה, כבוד, מען זאל תמיד דערמאנען זיינע געוואלדיגע פארדינסטן, און אלע זאלן רעדן וועגן זיין עולם־הבא, וואס שטייט שוין מוכן ומזומן פאר אים, ווען ער וועט נאר ווערן עליו השלום...

א ערליכער רב, א קדוש וטהור האט אבער געהאלטן פאר־מאכט זיין מויל און בכלל נישט ארויסגעבראכט פון אים א חנופה־ווארט. זיי באטראכטן די כת־החונפים פאר פארדארבענע מענטשן, וואס זינקען אין בלאטע און אין שמוץ... כל אדם שיש בו חנופה נופל בגיהנום (סוטה מ״א, ע״ב) ; ואמר רבי יוחנן : זו חנופה וגסות הרוח שירדה לבבל (קדושין מט, ע״ב).

אלע נביאים און חכמי ישראל אין אלע דורות האבן געווארנט, אז א מענטש זאל זיך דערווייטערן פון חנופה ווי אזוי־זשע האט געקענט אזא שטייגער קדוש וטהור, ווי דער ניקעלשבורגער רב, צופרידנשטעלן און אנזעטיגן נגיד׳שע אפעטיטן ?

האט טאקע יענער תקיף און בעל־השפעה געזוכט א געלע־גנהייט ווי אזוי זיך א שפיל צו טאן מיט׳ן ניקעלשבורגער רב.

זייענדיג פון דור דורות א אשכנזי און א שטיקל בן תורה דערצו, האט ער עפנטליך אפגע׳חוזק׳ט פונ׳ם רב׳ס חסידישן געשטעל. ער האט עס אבער געמאכט אין א לייכטן שפאטישן שטייגער.

*

ערב יום כפור איז דאך כידוע א מצוה צו עסן און צו טרינקען. כל האוכל ושותה בתשיעי (ערב יום־כפור) מעלה עליו הכתוב כאלו מתענה תשיעי ועשירי (ברכות ח׳) דער וועלכער עסט און טרינקט ערב יום־כפור פארעכנט מען אים, ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג.

האט יענער תקיף און נגיד געהערט, אז ביי חסידים איז מען זיך משמח, מען טרינקט משקה, און מען גייט אריין אין יום־כפור־ד״גן הייליגן טאג מיט שמחה און פרייד.

וואס האט ער געטאן ? ער האט געקויפט דעם טייערסטן און שטארקסטן וויין און איז מיט אים אוועק צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע, און אים מכבד געווען לכבוד יום־טוב א באטל וויין.

דער נגיד נעמט א גרויסן כוס און ער גיסט אים אן, און דער־לאנגט אים דעם מרא דאתרא. דער רבי ר׳ שמעלקע טרינקט אויס דעם כוס, און דער נגיד פילט אן א צווייטן און א דריטן כוס און דער רב טרינקט זי אויס...

דער נגיד איז ביי זיך זיכער געווען, אז זיינע בייזע כוונות זיינען דערגרייכט געווארן ...

ווייל זיין כוונה איז געווען אז דער רב זאל קומען אין שוהל אריין בגילופנ׳דיג, פאר׳שיכור׳ט, און די ניקעלשבורגער בעלי־בתים זאלן זעהן, וואס א חסידישער רב איז בכוח צו טאן אפילו ערב דעם יום־הקדוש: און ממילא וועלן זיי אים מבזה זיין... און דער חסידישער דרך וועט ליידן דערפון ...

דער רבי ר׳ שמעלקע האט געדאנקט דעם נגיד פאר׳ן גוטן, שטארקן וויין, און אים געבענטשט מיט כל טוב. אז זיינע תפילות זאלן אנגענומען ווערן, און ער זאל זוכה זיין תשובה צו טאן, ווי עס איז געווען דער נוסח אנצווינטשן אין יענע מקומות...

דער נגיד־ישער מתנגד איז אהיים געגאנגען מיט געפילן פון נצחון. אט איז אים געלונגען אפצוטאן א געשיקט שטיקל ארבעט, און קיינער האט זיך אפילו נישט געכאפט אויף זיין כוונה. ווייל, ווען דער רב וואלט פארשטאנען זיין כוונה – אזוי האט ער געדענקט – וואלט ער דאך ראשית כל נישט געטרונקען עטליכע כוסות פון דעם שטארקן וויין וואס קען אוועקלייגן אפילו א גיבור. צווייטנס, ווען דער רב כאפט זיך אויף זיינע בייזע כוונות, וואלט ער אים דאך נישט געבענטשט...

*

דער רבי ר׳ שמעלקע האט זיך מכין געווען אין שוהל אריין צו כל נדרי.

דער עולם איז שוין געווען פארזאמלט, אנשים נשים וטף. פון ווייבער שוהל האבן זיך געטראגן יללות. זייער געוויין האט געקענט צוברעכן אייזערנע הערצער ; קינדער האבן מיטגעוויינט. די בעלי־בתים זיינען געשטאנען איינגעהילט אין זייערע ווייסע קיטלען און וואלענע טליתים, טייל האבן געזאגט תפילה־זכה, טייל תהלים, די לומד׳ישע אידן האבן געזאגט משניות, מסכתא יומא.

יענער נגיד, וואס איז זיכער געווען, אז אט־אט קומט אן דער רב, א פאר׳שיכור׳טער, איז געשטאנען מיט אומגעדולד און געווארט. א בייזע מחשבה איז דורכגעלאפן דורך זיין מוח. אפשר שלאפט גאר דער רב אין דער היים, ווייל בדרך הטבע האט יענער שטארקער וויין געדארפט דעם טרינקער פארשלעפערן אויף א האלבן מעת־לעת.

אבער פונקט אין דער צייט קומט אריין דער רבי ר׳ שמעלקע כדרכו בקודש, פול מיט התלהבות און הייליגן ברען. ער טוט א געשריי :

– ווי קען מען זיך אוועקשטעלן זאגן כל נדרי ! דער פחד איז דאך אזוי גרויס ; נאר די גמרא זאגט (בבא בתרא, דף י׳ עמוד א׳) :

פחד קשה יין מפיגו ; ווייל האט א טבע, אז ער ווערט אויס דעם פחד... וועלן מיר דעריבער זיך שטעלן זאגן כל־נדרי.

דער עולם האט גאר נישט פארשטאנען, וואס דער רבי ר' שמעלקע האט דא מרמז געווען. פון גרויס פחד מהדר גאונו פאר'ן מלך מלכי המלכים קען מען זיך נישט שטעלן זאגן כל־נדרי, אבער אזוי ווי ווייל ווערט אויס דעם פחד, קען ער זיך יא שטעלן זאגן כל־נדרי...

איינער האט זיך אבער יא געפונען אין יענער גרויסער ניקעל־שבורגער שוהל, וואס האט פארשטאנען דעם רב'ס רייד ; און דאס איז געווען יענער תקיף און בעל־השפעה, וואס האט געגלויבט, אז ער האט דעם רב געטאן א רעה מיט'ן ווייל, אבער אט הערט ער גאר, אז דער ווייל האט דעם רב א טובה געטאן.

*

כדרכו בקודש האט זיך דער רבי ר' שמעלקע נוהג געווען, אז תיכף נאך מעריב איז ער ארויף אויף דער בימה און מיט'ן גאנצן עולם געזאגט תהלים בציבור, פסוק בפסוק. די בכיות און יללות ביים תהלים זאגן האבן געשטורעמט און איינגעבראכן די מחיצות של ברזל, די אייזערנע ווענט, וואס לאזן נישט, אז די אידישע תפילות זאלן צוקומען פאר'ן כסא־הכבוד.

ווען דער רבי ר' שמעלקע איז געקומען צום פסוק (תהלים מ"א) : „בזאת ידעתי כי חפצת בי, כי לא יריע אויבי עלי" ; מיט דעם וועל איך וויסן, אז דו בעגערסט מיך, דו ווילסט מיך – טאטע אין הימל – ווען מיין שונא וועט צוליב מיר נישט געשטראפט ווערן...

דעם פסוק האט ער איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל און אים פארטייטשט אויף אידיש. מיט באנומענע קולות האט דער רבי ר' שמעלקע יום־כפור ביינאכט געוויינט און געבעטן :

– טאטע אין הימל ! דאס וועט זיין פאר מיר א סימן, אז דו ווילסט מיך ; אז קיינער פון מיינע שונאים זאל ניט צוליב מיר גע־שטראפט ווערן...

דער גאנצער עולם האט מיטגעוויינט מיט'ן ניקעלשבורגער רב, כאטש קיינער האט נישט געוואוסט, פארוואס דער רב האט זיך

גראד ביי דעם דאזיגן פסוק אזוי לאנג אפגעשטעלט, און אים איבערגע׳חזר׳ט צענדליגער מאל.

אויפ׳ן סאמע מזרח איז אבער געשטאנען יענער תקיפ׳ישער נגיד, און נאר ער אליין האט דערפילט, אז די ווערטער פונ׳ם רב זיינען געצילט צו אים. האט ער אנגעהויבן צו פילן חרטה. ער האט אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין: פארוואס ער האט געהאט אזעלכע נידעריגע כוונות צו ווען אנ׳שיכור׳ן דעם רב פאר כל-נדרי.

יעצט האט ער דערזען דעם חסידישן רב אין זיין העכסטער הויך; יעצט האט ער דערפילט, וואס פאר א קדוש וטהור ער איז. נישט בלויז האט ער אים נישט פארשאלטן און געזוכט נקמה, נאר ער שטייט און וויינט פאר׳ן מלא רחמים ער זאל נישט באשטראפן זיין שונא צוליב אים. נאר א גרויסער געלייטערטער צדיק, א קדוש עליון, קען זיך אזוי איינשטעלן פאר זיין שונא. וואס האט דער תקיף און נגיד געטאן? ער איז צוגעלאפן צום רב, געפאלן צו זיינע פיס און זיך צוכליפעט ווי א קליין קינד.

– הייליגער רבי, זייט מיר מוחל. איך בין זיך מודה ומתוודה, אז איך האב געהאט בייזע כוונות מיט׳ן ברענגען צו אייך דעם שטארקן וויין.

דער גאנצער עולם איז ממש פארציטערט געווארן, וויסנדיג, אז יענער נגיד איז א שטאלצער תקיף, וואס בויגט זיך נישט פאר קיינעם; און דא ליגט ער פאר׳ן רב׳ס פיס און בעט מחילה ...

דער איינדרוק איז געווען געוואלדיג גרויס. דער רבי ר׳ שמעלקע העלפט אים זיך אויפהויבן פון דיל, און ער זאגט צו אים:

– ווען דו וואלסט מבזה געווען שמעלקע הארוויץ, וואלסטו נאך אים א גרויסע טובה געטאן. ער וואלט דורך די בזיונות זיך אפגעוואשן פון זיינע חטאים און זינד. דו האסט דאך געוואלט מבזה זיין דעם ניקעלשבורגער רב, און דאס איז דאך א גרויסער חטא. האב איך מרעיש עולמות געווען און געבעטן ביים מוחל וסולח ער זאל ניט באשטראפן א אידן צוליב מיר איך בין נישט געווארן ניקעלשבורגער רב צוליב כבוד און רום, נאר לשם שמים...

הערנדיג די דאזיגע רייד, האט יענער נגיד נאך מער אנגע־הויבן צו וויינען און זיך נישט געקענט געפינען קיין ארט פון חרטה־געפיהלן.

יעצט האט ער ערשט דערזען דאס צדקות פונ׳ם חסידישן רב. און ער איז ממש איבערגעקעהרט געווארן אין א גרויסן פריינד פונ׳ם רבי ר׳ שמעלקע און צו דער נייער חסידישער באוועגונג.

*

די דאזיגע מערקווירדיגע געשיכטע, ווי א מתנגד׳ישער נגיד האט געוואלט אנ׳שיכור׳ן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע, ערב יום־כפור, ביי דער סעודה המפסקת, נאהנט פאר כל־נדרי, איז נישט געווען סתם אזוי זיך א טשעפע און הוליע צו טאן קעגן דעם ניקעלשבור־גער רב, נאר קעגן דער גאנצער חסידישער שיטה; אז מיט שמחה קען מען אדורכברעכן און אדורכגיין אלע שטורעמדיגע פול מיט דערנערדיגע וועגן. מיט שמחה קען מען געלייטערט ווערן פון אלע חטאים און זינד. ווייל די שכינה רוהט נישט אויף א מענטשן, ווען ער איז אין עצבות: שאין השכינה שורה לא מתוך עצבות, וכו׳ אלא מתוך דבר שמחה של מצוה (שבת ל.).

מילא, א גאנץ יאר האט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף די חסידים, צו זיי זיינען בשמחה, צו נישט. אבער ערב־יום־כפור, ווען אפילו דער עם־הארץ און דער דארפס־איד איז פאר׳דאגה׳ט און פארזארגט, דעמאלט האט זיך די לוסטיקייט און שמחה פון די חסידישע יונגע לייט גארנישט אריינגעפאסט אין דער שטימונג פון די פארזארגטע און פארטרויערטע בעלי־בתים. וואס הייסט, ערב דעם יום הקדוש ארומגיין פרייליך, זינגענדיג און טאנצנדיג?

דאס טאקע האט יענער ניקעלשבורגער נגיד און מתנגד געוואלט מפרסם זיין, אז דער רב וועט קומען אין שוהל אריין צו כל־נדרי האלב בגילופנ׳דיג און האלב שיכור ...

היסח הדעת

ווען דער „חוזה" פון לובלין איז געקומען צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע, האט ער זיך מיט אים שטארק דערפרייט, כאטש דער

אויגן, אנגעקוקט די אלע ארומיגע ווי אין בייז וואונדער, זי האט זיך באלד אויפגעשטעלט און זיך אפגעטראגן פון מארק.

קומענדיג אהיים, האט זי זיך אויסגעגליטשט און געפאלן מיטן קאפ אויף א שפיציגן אייזן וואו זי איז געבליבן טויט אויפן ארט.

אט אזוי האט דער הייליגער צדיק רבי קאפל מיט זיין כח הקדושה געראטעוועט די גאנצע שטאדט אידן פון א טויט געפאר.

שלח לחמך על פני המים

דער טארניגראדער רב, הרה"ג רבי אליעזר גרשון טייכער ז"ל, וועלכער איז געווען א אייניקל פון רבי יעקב קאפלען, האט דער־צעהלט וועגן א אינטרעסאנטע עובדה וואס איז אנגענומען אין דער פאמיליע.

עס האט זיך דאן געהאנדלט אין פוילן וועגן זייער א הארבע גזירה וואס מען האט געוואלט גוזר זיין אויף די אידן. אין שפיץ פון דעם זענען געשטאנען די גלחים און קארדינאלן וועלכע האבן אויסגעארבעט א פלאן ווי אזוי צו שעדיגן דעם אידישן פאלק. דער געפאהר איז געווען זייער גרויס און מען איז געקומען צום הייליגן בעש"ט זצ"ל, ער זאל עפעס טהון צו מבטל מאכן די גזירה.

– פאהרט אראפ קיין לוקאוו – איז געווען דעם בעשט"ס אנטווארט – און פועל'ט ביים דארטיגן קרעטשמער רבי יעקב קאפיל, ער זאל זיך לאזן קיין רוים און באזוכן דעם פויפסט אליין, דאן קענט איהר האפן אז די גזירה וועט באלד צונישט ווערן.

א דעלעגאציע פון די פארשטעהער פון דעם ועד ארבע ארצות האט זיך דאן אוועקגעלאזן צו רבי יעקב קאפלען און איהם איבער־געגעבן די רייד פון דעם הייליגן בעש"ט זצ"ל. און כאטש רבי יעקב קאפיל האט נישט געקענט בשום אופן באגרייפן, וואס ער וועט קענען אויפטהון ביים פויפסט, און פארוואס גראדע ער און נישט קיין אנדערער, דאך, וויבאלד עס האנדלט זיך וועגן א געפאהר פארן אידישן פאלק האט רבי יעקב קאפל נישט געקוקט אויף קיין זאך, ווי אויך נישט דערויף וואס ער פארשטעהט עס נישט און זיך באלד אוועקגעלאזן קיין רוים.

(רבי יעקב קאפל איז צו דערצו אויך נישט געווען פון די אנ־הענגער פון בעש״ט זצ״ל. עס ווערט דערצעהלט אז דער בעש״ט איז אמאל געקומען קיין לוקאוו, צו רבי יעקב קאפלען, כדי איהם צו בעאיינפלוסן אין דער שיטת החסידות, ווי נאר רבי יעקב קאפל האט געזעהן דעם בעל שם טוב ביי איהם אין שטוב, האט ער באלד געגעבן א שפרונג ארויס דורכן פענסטער און אנטלאפן פון שטוב, אויף אזוי ווייט איז געווען דאס התנגדות צום בעש״ט.

און דאך, ווען רבי יעקב קאפל האט יעצט געהערט אז זיין נסיעה קיין רוים קען פועל׳ן צו העלפן דעם כלל ישראל, כאטש די דאזיגע עצה האט געשטאמט פון דעם בעל שם טוב, האט ער זיך נישט אפגעזאגט פון דער שליחות און באלד אוועקגעפאהרן קיין רוים.

עס ווערט דערצעהלט, דאס ווען דער בעש״ט איז געווען ביי רבי יעקב קאפלען אין שטוב, האט זיך דארטן געפונען, צווישן די אנדערע בני בית, אויך זיין שנור, די פרוי פון זיין זוהן רבי ישראל. דער בעש״ט האט איהר דאן געבענטשט אז דאס קינד וואס זי וועט געבוירן זאל זיין א גרויסער צדיק.

און דער דאזיגער קינד, וועלכער איז שפעטער געבוירן גע־ווארן, איז געווען דער צדיק רבי שמעון יעראסלאווער זצ״ל. רבי שמעון פלעגט אין זיינע עלטערע יאהרן דערצעהלן, אז ער געדענקט נאך קלאהר די ברכה וואס דער בעש״ט האט געבענטשט זיין מוטער).

רבי יעקב קאפיל איז אנגעקומען אין רוים און באלד גענומען ארבעטן צו בעקומען א וויזיט ביים פויפסט. ער האט אבער קיינעם נישט געקענט, און קיינער האט איהם דארטן אויך נישט געקענט.

געהענדיג אזוי איבערן גאס, לויפט איהם אנטקעגן עפעס א גוי און דערלאנגט איהם די האנד. רבי יעקב קאפל האט איהם צו־ריקגעגריסט און ער קוקט איהם אן פארוואונדערט, ער ווייסט נישט ווער דער דאזיגער גוי איז און ווי קומט ער צו איהם.

– דו דערקענסט מיר נישט ? – רופט אויס דער גוי – נו, געוויס קענסטו מיר נישט דערקענען.

„חוזה״ איז נאך געווען א יונגער בחור׳ל, האט ער אים פונדעסט־וועגן זעהר שטארק מכבד געווען.

פרעגט אמאל דער „חוזה״ דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע: רבי, מיט וואס קען איך אייך משמש זיין? שימוש תלמידי חכמים איז דאך א גרויסע מצוה.

האט דער רבי ר׳ שמעלקע אים געענטפערט: יעקב יצחק, דו קענסט מיר זעהר פיל צוניץ קומען. ווען דו וועסט זען, אז איך לערן גמרא מיט תוספות, און איך פארטיף זיך אין א סוגיא, זאלסטו מיך א צי־טאן ביים ארבל, כדי איך זאל ניט פארגעסן א רגע אין דעם הייליגן באשעפער...

איז ר׳ יעקב יצחק, דער שפעטערדיגער רבי פון לובלין, דער „הייליגער חוזה״, געשטאנען ביי זיין רבי׳ן און זיך צוגעהערט ווי דער רבי ר׳ שמעלקע לערנט גמרא מיט תוספות, און ער דער־מאנט די תנאים ואמוראים באימה ובפחד, ווי ער וואלט צו זיי גערעדט מיט דער גרעסטער הכנעה.

איינמאל באמערקט דער „חוזה״, אז זיין רבי האט זיך א ווײַלע פארטראכט און פארטיפט; טוט ער אים א צי ביים ארבל, אזוי ווי ער האט אים געבעטן.

ענטפערט אים דער רבי ר׳ שמעלקע: דארפסט ניט, דארפסט ניט, מיין זון, איך האב זיך אליין דערמאנט, אז עס איז פאראן א בורא־עולם...

א אמתער פסק

די גמרא (ברכות דף כ״ח.) דערציילט, אז רבי נחוניה בן הקנה האט מתפלל געווען „שלא אכשל בדבר הלכה״ — איך זאל ניט געשטרויכלט ווערן אין א הלכה, „ולא אומר על טמא טהור, ועל טהור טמא״ — און איך זאל ניט זאגן אויף א זאך, וואס איז טמא, אז עס איז טהור, און אויף א זאך וואס איז טהור, זאל איך נישט זאגן אז עס איז טמא.

פרעגט די וועלט א קשיא: צו וואס דאס טאפלטע לשון? „איך זאל ניט געשטרויכלט ווערן אין א דבר הלכה״, איז דאך דאס

זעלבע ווי „איך זאל ניט זאגן אויף טמא - טהור, און אויף טהור טמא״ ?

האט דער בעל „חידושי הרי״ם״ זצ״ל געענטפערט : עס האט פאסירט אמאל, אז א עגונה איז געקומען צום בעל „אור החיים״ הקדוש, און געבעטן א היתר, אז זי זאל מעגן חתונה האבן.

האט דער בעל „אור החיים״ זצ״ל חוקר־ודורש געווען די גאנצע שאלה ; אויסגעפרעגט עדות, ווי עס איז געוויינליך דער דין אין אזא שטארק קאמפליצירטן ענין.

האט דער „אור החיים״ געזען, אז לויט ווי די עדות זאגן, איז די עגונה על־פי דין תורה מותר. אבער עס איז אים זעהר שווער געווען ארויסצוזאגן מיט׳ן מויל, אז עס איז מותר פאר איר חתונה צו האבן.

האט דער „אור החיים״ אפגעלייגט דעם ענין אויף א געוויסער צייט, און געבעטן דער אומגליקליכער עגונה, וואס איז געווען זיכער, לויט די רייד פון די עדות, אז איר מאן איז דער־הר־ג׳עט געווארן, אז זי זאל אפווארטן דרייסיג טעג, און דאן נאכאמאל קומען.

די עגונה האט אבער ניט געדארפט ווארטן קיין דרייסיג טעג. זי איז געקומען צולויפן צום „אור החיים״ הקדוש און מיט פרייד דערציילט, אז איר מאן לעבט ! און ער איז אהיימגעקומען געזונט און פריש ! גזלנים האבן אים גענומען געפאנגען און צוגערויבט פון אים זיין געלט, אבער זיי האבן אים געלאזט לעבן ...

*

און נאך א מעשה האט דער בעל „חידושי הרי״ם״ דערציילט : אמאל האט מען געבראכט פאר׳ן רבי׳ן ר׳ שמעלקע א „שאלת הריאה״, האט דער רבי באטראכט די לונג, אראפגענומען די סירכות, עס געלאזן אנבלאזן, און איר באטראכט זעהר פארזיכטיג. ער האט אבער געזען, אז די ריאה איז על־פי דין כשר. ער האט ניט געפונען אפילו איין מחמיר וואס זאל האבן א חשש אויף אזא סארט סירכא. דאך איז אים שווער געווען ארויסצוזאגן מיט׳ן מויל, אז די בהמה איז כשר ...

וואס האט ער געטאן ? ער האט באפוילן בודק צו זיין די דאזיגע בהמה נאכאמאל, און ווי דערשטוינט איז ער געווארן הערנדיג אז מען האט געפונען א אנדער שאלה, און אויף דער אנדערער שאלה, איז די בהמה טאקע געווען טריף ...

דאס איז די כוונה פון רבי נחוניה בן הקנה׳ס תפלה – האט דער ,,חידושי הרי״ם״ געזאגט : – ער האט מתפלל געווען, קודם כל, אז ער זאל נישט נכשל ווערן אין א דבר־הלכה, ער זאל פסק׳ענען ווי דער דין איז. און נאך האט ער מתפלל געווען, אז אפילו ער האט שוין מכוון געווען צו דער הלכה, זאל ער ניט זאגן אויף א זאך, וואס איז באמת טמא – מצד א אנדערן חסרון – טהור, און ער זאל ניט זאגן טהור – אפילו לויט׳ן דין – בשעת די זאך איז טמא מצד א צווייטער שאלה.

מכוון זיין די הלכה

אין דעם בארימטן שאלות ותשובות מהרש״ם, חלק שני, ביים סוף, דערציילט דער גרויסער גאון, דער בערזשאנער רב זצ״ל, אז דער רבי ר׳ שמעלקע, זיצנדיג מיט זיינע תלמידים ביים לערנען, האט אמאל צו זיי אזוי געזאגט : אויב איר ווילט מחדש זיין אמת׳ע חידושים, דארפט איהר זאגן מיט גרויס כוונה די ברכות ,,אהבה רבה״, ,,אהבת עולם״ (פאר קריאת שמע) און די ברכה ,,אתה חונן לאדם דעת״, ווייל אן מכוון זיין ביי יענע ברכות וועט איר ניט קענען מחדש זיין קיין אמת׳ן חידוש.

האט זיך אויפגעשטעלט א תלמיד און געזאגט : רבי, היינט האב איך גראד ניט מכוון געווען יענע ברכות, און דאך איז מיר געלונגען מחדש צו זיין א אמת׳ן חידוש ביים לערנען...

האט דער רבי ר׳ שמעלקע פארלאנגט, אז דער תלמיד זאל איבערזאגן זיין חידוש, וואס ער האט מחדש געווען... דער רבי ר׳ שמעלקע האט אויסגעהערט זיין חידוש, און אים סותר געווען, אפגעוואנדן מתחילה ועד סוף ... און אויפגעוויזן, אז דער חידוש איז ווייט פון אמת...

ר׳ איציקל חריף, סאמבארער רב, איז געווען א גרויסער עילוי, ווען ער איז געווען א יונגערמאן; שפעטער איז ער געווען א בארימטער גאון (פאטער פון בעל שאלות ותשובות „זרע יצחק״).

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז געקומען אמאל אויף א שבת אין סאמבאר, האבן זיך פארזאמלט אלע לומדישע און עילוי׳שע יונגע־לייט צו הערן פון זיין מויל תורה.

דער רבי ר׳ שמעלקע פלעגט זיך נוהג זיין, אז בשעת׳ן פראווען שלוש־סעודות, האט ער געפרעגט אלע לומדים זיי זאלן זאגן, וואס זיי איז שווער געווען א גאנצע וואך ביים לערנען. האט יעדער למדן דערציילט זיין פליאה, און דער רבי האט אלעמען פארענט־פערט.

צווישן די לומדים האט זיך אויך געפונען ר׳ איציקל סאמבא־רער, האט ער זיך אנגערופן: רבי, מיר איז שווער געווען א הארבע סוגיא, איך מאטער זיך שוין א גאנצע וואך און איך הויב ניט אן צו פארשטיין דעם ענין: איך האב שוין געפרעגט אלע לומדים אין שטאט, און קיינער האט מיר ניט געקענט פארענטפערן די פליאה.

האט דער רבי ר׳ שמעלקע צו אים געזאגט: שעם זיך ניט, דערצייל מיר וואס איז דיר אזוי שווער געווען.

האט ר׳ איציקל סאמבארער איבערגעזאגט פאר׳ן רבי׳ן ר׳ שמעלקע זיין קשיא.

דער רבי ר׳ שמעלקע האט פארלייגט זיין קאפ אויף זיינע ביידע הענט און זיך פארטראכט און פארטיפט אין דער באמת שווערע קשיא. אלע לומדים, מיט ר׳ איציקל סאמבארער בראש, האבן איינגעהאלטן זייער אטעם, און מיט גרויס נייגעריגקייט געווארט צו הערן פון דעם וועלט־בארימטן גאון און צדיק זיין תירוץ.

דער רבי ר׳ שמעלקע הויבט אויף זיין קאפ, לייגט ארויף זיין רעכטע האנט אויף דעם עילוי׳שן יונגערמאן ר׳ איציקל סאמבא־רער, און ער לערנט מיט אים איבער די גאנצע סוגיא אויף אויסנ־ווייניג.

ר׳ איציקל דערפילט תיכף ומיד, אז זיין קשיא איז גארניט שווער, און אלץ איז פשוט כפשוטו ...

פון גרויס באגייסטערונג שפרינגט אויף ר׳ איציקל, און הויך אויפ׳ן קול שרייט ער אויס; סאמבארער לומדים, איך קען עדות זאגן, אז דאס איז גאר ניט בגדר פון א מענטשליכער השגה, עס איז ממש תורה מן השמים ...

האט ר׳ שמעלקע געפרעגט : איך האב געהערט, אז דא אין סאמבאר איז פאראן א עילוי, און צוליב אים בין איך טאקע געקר־מען דא אהער האלטן שבת. אפשר ביזטו דאס דער עילוי ?

ר׳ איציקל האט אראפגעלאזט זיין קאפ פאר בושה, ווייל עס האט דאך ניט געפאסט, ער זאל ענטפערן אז ער איז דאס דער עילוי. אבער די אנדערע לומדים האבן מיט זייערע הענט געטיי־טלט און אנגעוויזן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע, אז טאקע ער, ר׳ איציקל איז עס דער בארימטער עילוי, וואס שם׳ט אין דער גאנצער געגנד.

האט דער רבי ר׳ שמעלקע אים ניט אפגעלאזט און אים וויי־טער געפרעגט : איך האב געהערט, אז דו ביסט א בקי בש״ס, בעט איך ביי דיר דו זאלסט מיר זאגן, איציקל, וויפל מאל ווערט דער־און־דער אמורא דערמאנט אין ש״ס ?

האט ר׳ איציקל סאמבארער פארמאכט זיינע אויגן, זיך א רייב געטאן איבער זיין הויכן שטערן און אנגעהויבן אויסצורעכענען אלע מימרות וואס יענער אמורא זאגט אין גאנץ ש״ס. ער האט אנגעהויבן פון דער גמרא ברכות און געענדיגט מיט דער מסכתא נדה.

אלע לומדים זענען נבהל ונשתומם געווארן, הערנדיג ווי ר׳ איציקל דערמאנט יענעם אמורא אין גאנץ ש״ס און ער זאגט עס אזוי גלאט און אזוי רגילות׳דיג, ווי א איד זאגט „אשרי״.

דער רבי ר׳ שמעלקע האט אים אבער דערמאנט, אז איין מאמר פון יענעם אמורא האט ער אדורכגעלאזט ...

האט ר׳ איציקל געענטפערט : רבי, אפשר איז עס יענער מאמר, וואס איז געדרוקט אין גליון הש״ס, בנוסחא אחרינא, האט זיך דער רבי ר׳ שמעלקע אויפגעשטעלט און א קוש געטאן ר׳ איציקל׳ען אויף זיין שטערן ...

פוגם בכבוד זיין

דער רבי ר׳ שמעלקע ניקעלשבורגער איז געווען א חד בדרא ; פאר אים האבן געציטערט עליונים ותחתונים ...

איינמאל איז דער רבי ר׳ שמעלקע פארבייגעפארן קארעץ, איז ער געגאנגען זיך זען מיט ר׳ פינחס קארעצער זצ״ל, וועלכער איז שוין דאן געווען זעהר מפורסם. די צוויי צדיקים האבן פארבראכט אין תורה און אין קדושה, ווי דער שטייגער איז פון אזעלכע גרויסע מענטשן.

דער רבי ר׳ שמעלקע האט געהאט גרויס חשק צו פארבלייבן שבת אין קארעץ ; ר׳ פנחס האט אים אבער ניט געלאדן און ניט געבעטן צו פארבלייבן.

האט דער רבי ר׳ שמעלקע געווארט און געווארט, און ר׳ פנחס קארעצער האט אים אלץ ניט פארבעטן צו פארבלייבן. וואס האט דער רבי ר׳ שמעלקע געקענט טאן ? ער איז אוועק אין א שכנות־דיג שטעטל און דארטן געהאלטן שבת.

האבן די מקורבים פון ר׳ פינחס קארעצער זיך ניט געקענט באהערשן און זיי האבן געפרעגט זייער רבי׳ן : פארוואס ער האט ניט פארהאלטן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע אויף שבת ? אנדערע גדולים האלטן עס פאר א זכיה, אז אזא גרויסער גאון און צדיק זאל ביי זיי שבת האלטן, און דא האט דער רבי אים גאר אוועקגעלאזט דאנערשטאג שפעט נאך האלבן טאג און אים ניט פארבעטן ער זאל שבת האלטן אין קארעץ ?

האט ר׳ פינחס קאריצער זיי געענטפערט : איך האב גוט געזען, אז דער רבי ר׳ שמעלקע האט געוואלט דא האלטן שבת, איך קען אבער ניט פארטראגען אזא גרויסן מענטשן, ער זאל דא זיין ביי מיר שבת. איך וואלט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען, זיין גדלות וואלט מיר מבלבל געווען דעם הייליגן שבת...

צו האט איר דען די קלענסטע השגה פון זיין גרויסקייט ? אין הימל איז מען דן א מענטשן וואס רופט אים סתם ר׳ שמעלקע, און ניט רבי ר׳ שמעלקע ; מען איז יענעם דן, ווייל ער האט פוגם געווען בכבוד חכמים ...

מלכות קיר״ה איז ניט תמיד געווען א מלכות פון חסד, רדיפות און גזירות אויף אידן, פארפאלגונגען און באגרעניצן דעם אידענ׳ס רעכט, ווייזט אויס, איז געווען אין דער מאדע פון די מערב און מזרח אייראפעאישע מלכים.

היינט איז עסטרייך א קליין, איינגעשרומפט מדינה׳לע. פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז עסטרייך געווען א גרויסע אימפעריע – עסטרייך, אונגארן, גאליציע. אין די פריערדיגע צייטן האט אויך בעהמען און מעהרן, טשעכיע און סלאוואקיע געהערט צו דער מלכות קיר״ה. (קיר״ה זענען די ראשי תיבות פון: קייסער ירום הודו).

אין דער צייט ווען דער רבי ר' שמעלקע איז געווען רב אין ניקעלשבורג, האט דאס מלכות ארויסגעגעבן א גרויסע און ביטערע גזירה אויף דער קהלה. א נידערטרעכטיגער מסור האט גע׳מסר׳ט די אידן, אז זיי האבן געלעסטערט די קריסטליכע רע־ליגיע, און ווען זיי גייען פארביי א צלם, שפייען זיי אויס און זאגן שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא.

אין די פריערדיגע אלטע צייטן פלעגן די בישאפן און די קאר־דינאלן אליין משפט׳ן אזעלכע שונאים פון זייער רעליגיע; שפע־טער אבער האט דאס קיר״ה׳שע מלכות איבערגענומען די ארבעט פון באשטראפן, און דער משפט איז געפירט געווארן אין נאמען פון מלכות און ניט פון דער קירכע.

דאס מלכות איז שוין דאן געווען אויף אזויפיל דעמאקראטיש, אז זי האט אוועקגענומען דאס רעכט צו משפט׳ן דיני־נפשות, סאי פון דעם בישאף־סינאד, סאי פון דער שטאטישער אדער פרא־ווינציאנעלער הויפט־פאליציי. א ערנסטע קלאגע האט געדארפט געבראכט ווערן קיין ווין צום קיסר, וועלכער איז באטראכט געווען אין יענער צייט ווי א „מלך חסד״...

אין ניקעלשבורג האט זיך געטאן חושך: אלע שוהלן און בתי מדרשים זענען פול געווען מיט אידן, זיי האבן געעפנט דעם ארון־קודש מיט גרויסע יללות און בכיות, און האבן איינגעריסן וועלטן... זיי האבן געוויינט און געבעטן ביים באשעפער פון דער וועלט, אז

ער זאל ווייך מאכן דעם מלך׳ס הארץ, ווייל „לב מלכים ושרים ביד ד׳״.

אויך די ווייבער האבן נישט געשוויגען; זיי האבן פארלאזן זייערע היימען מיט די פיצעלעך עופ׳עלעך, און געלאפן אויף די בית־ עלמינ׳ס, אויסגעמאסטן די קברים, געשריען און געוויינט, אז די הייליגע נשמות זאלן זיך באמיען פאר׳ן כסא הכבוד, אז די גזירה זאל בטל ווערן.

כאטש קיינער האט נאך ניט געוואוסט, וואס פאר א גזירה דאס מלכות וועט ארויסגעבן, האבן זיי אבער פארשטאנען, אז אויב דאס מלכות וועט גלויבן יענעם מסור, אז די אידן האבן געלעס־טערט זייער „צלם״, שמעקט אזא גזירה מיט׳ן ערגסטן...

גאנץ ניקעלשבורג, - רייך און ארים, תלמידי חכמים און עמי הארצים - איז אריין געפאלן אין א תשעה באב שטימונג, ממש א פאניק האט זיי פארפאלגט; זיי האבן שוין געהערט פון אנדערע קהילות קדושות פון מלכות קיר״ה, פון בעהמען און מעהרן, וואס דער פועל־ יוצא איז געווען פון אזעלכע סארטן מסירות. האבן זיי ביטערליך געוויינט און געפאסט, זיך ניט געקליידט, ווי עס באדארף צו זיין, נאר ארומגעגאנגען ווי אבלים, רחמנא ליצלן.

האט זיך אבער איינער געפונען אין ניקעלשבורג, וואס איז געווען רוהיג און ניט פארכאפט געווארן פון דער בהלה. דאס איז געווען דער מרא דאתרא, דער לאנדס־רב פון מעהרן, דער קדוש וטהור, דער הייליגער רבי ר׳ שמעלקע הלוי הארוויץ. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אז די גאנצע מסירה איז, פשוט געזאגט, א בלבול פון א רשע, א שונא ישראל. און אזוי ווי מיר האבן דאך א ג־ט פון רחמנות, וועט ער רחמנות האבן אויף דער קהלה קדושה פון ניקעלשבורג, און דאס מלכות אין ווין וועט איינזען אין דער פאלשקייט פון דער מסירה...

די קהילה־ פארשטייער האבן גערופן א אסיפה און אין טיפער ערנסט האבן זיי באשלאסן צו שיקן זייער רב, דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע, קיין ווין, אז ער זאל אויס׳פועל׳ן ביים מלכות אפצו־שרייען די גזירה און מבטל מאכן דעם משפט, וועלכער האט גע־דארפט פארקומען צען טעג אין אדר.

דער רבי ר׳ שמעלקע האט אנגענומען דאס שליחות און זיך געגרייט צו דער נסיעה. ער איז ניט געפארן אליין, נאר ער האט מיטגענומען מיט זיך זיין תלמיד מובהק און חסיד נאמן, דעם אין דער חסידישער וועלט גוט באקאנטן רבי משה לייב סאסאווער זצ״ל.

דער רבי ר׳ שמעלקע איז ארומגעגאנגען מיט גרויס בטחון, וויסנדיג, אז דער חודש אדר איז א מזל׳דיגער חודש ; שטייט דאך אפילו אין שלחן ערוך, אז ווען א איד האט א משפט מיט א ערל, זאל ער פארשלעפן דעם משפט ביז אדר, ווייל אין חודש אדר זענען אידן ניצול געווארן פון המן הרשע׳ס פלענער, און מיר פייערן עד היום דעם פרייליכן פורים.

די קהלה־פארשטייער זענען ארומגעלאפן דינגען א שיף, וואס זאל אריבערפירן דעם רב מיט זיין באגלייטער איבער׳ן דאנאי, כדי צו דערגרייכן אין דער צייט די הויפט־שטאט ווין.

ווי דערשיטערט זענען זיי אבער געווארן, ווען קיין שיף האט ניט געוואלט אין יענער צייט זיך ארויסלאזן אויפ׳ן דאנאי טייך, ווייל דאס אייז האט נאכגעלאזט, און קריעס אייז האבן ארומגע־שוואומען אויפ׳ן טייך און עס איז געווען א גרויסע סכנה דאן צו פארן מיט א שיף.

וואס האט קהל געקענט טאן ? זיי האבן באצאלט א דריי־פאכיגן פרייז און נאך צוגעזאגט מתנות צו די שיפס־לייט ; ביז זיי האבן ענדליך באקומען א קאפיטאן, וואס האט כמעט געמוזט איינשטעלן זיין לעבן און דאס לעבן פון די שיפסלייט, אריבערצו־פירן די צוויי רבנים איבער׳ן דאנאי.

דער רבי ר׳ שמעלקע האט אבער אויסגערעדט א תנאי כפול, אז די שיפסלייט זאלן מיטנעמען מיט זיך א גרויסן מולטער, אין וועלכן עס זאלן קענען אריינגיין צוויי פערזאן.

די לייענער וועלען זיכער געדענקען, ווי אונזערע מאמעס און באבעס פלעגן אמאל קנעטן דעם טייג פאר חלות, קוילישען, אדער ברויט, אין א הילצערנעם מולטער. פון א גראבן, דיקן האלץ פלעגט מען אויסשניידן און אויסהובלעווען א תוך, און אין דעם פלעגט מען קנעטן דאס טייג.

אזא גרויסן מולטער האט דער רבי ר׳ שמעלקע געבעטן מיט־צונעמען. קיינער פון די פרנסים האט ניט פארשטאנען די כוונה זיינע.

ארויסלאזנדיג זיך אויפ׳ן דאנײַ, האט דער שיפס־פירער באלד דערזען, אז זייער מי און טרחה איז אומזיסט. שווערע קריעס אייז האבן געשוואומען אויף דער אויבערפלאך פונ׳ם טייך און יעדער זעץ פון אזא קריע אייז, וואס האט א זעץ געטאן אין דער שיף, האט געקענט צוזעצן און צושמעטערן די שיף.

זיי האבן שוין חרטה באקומען אויף דער אונטערנעמונג. וואס האבן זיי אבער געקענט טאן ? די שיף מאנשאפט האט באטראכט די וואנטורע פאר א סכנת־נפשות, און זיי האבן געלאזט וויסן די צוויי רבנים, אז זיי קענען ווייטער ניט פארן.

דער רבי ר׳ שמעלקע איז נישט ארײַנגעפאלן אין קיין יאוש; ער האט באפוילן ארפאצולאזן דעם הילצערנעם גרויסן מולטער אין טייך ארײַן, און ער מיט זיין באגלייטער, רבי משה לייב סאסא־ווער, זענען ארײַנגעשפרונגען אין אים... זיי זענען ביידע געש־טאנען, ווייל אוועקצוזעצן זיך איז דער מולטער געווען צו קליין, און אזוי שטייענדיג זענען זיי געשוואומען צווישן די אייז־קריעס. מיט מורא און שרעק האבן די שיפסלייט זיי נאכגעקוקט, אבער דער רבי ר׳ שמעלקע מיט ר׳ משה לייב סאסאווער האבן ביידע אנגע־הויבן צו זינגען די הייליגע שירת הים: אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת... זיי האבן געזונגען מיט הויכע קולות.

נײַגעריגע גוים, וועלכע האבן געוואוינט ביי די ברעגעס פון טייך דאנײַ, זענען ארויסגעלאפן זעהן דאס גרויסע וואונדער: צוויי אידן שטייען אין א ענגען מולטער, שווימען און זינגען מיט גרויס באגייסטערונג. זיי האבן גערופן פאליציי, און באלד האבן זיך פארזאמלט טויזנטער מענטשן צו זעהן דעם גרויסן וואונדער.

די ידיעה האט זיך שנעל פארשפרייט אין גאנץ ווין, אפילו אין קעניגליכען הויף אין שעהנברון, וואו דער קעניגליכער פאלאץ געפינט זיך, האט מען גערעדט און דערציילט וועגן דער דאזיגער פאסירונג. דער מלך האט באפוילן אויפצונעמען די צוויי ראבינער מיט כבוד און זיי ברענגען פאר אים.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע און רבי משה לייב סאסאווער זענען צוגעשוואומען צום ברעג, האט מען זיי אויפגענומען מיט כבוד און זיי צוגעפירט צום קעניגליכן פאלאץ אין שעהנברון.

קומענדיג פאר׳ן מלך פון עסטרייך, האבן זיי זיך פארנייגט, מפני כבוד המלכות, און דער מלך האט זיי געפרעגט ווי אזוי זיי האבן זיך איינגעשטעלט זייער לעבן צו שווימען אין א מולטער אויפ׳ן דאניי, אין דער צייט ווען די אייז קריעס זענען אזוי מס־וכנ׳דיג?

האט דער רבי ר׳ שמעלקע אנגעהויבן צו וויינען, און קוקנדיג אויף אים האט אויך רבי משה לייב סאסאווער מיטגעוויינט. זיי האבן זיך אנגערופן:

„אדוננו המלך, גאנץ ניקעלשבורג איז איינגעהילט אין טרויער, אלט און יונג פאסטן תעניתים, פרויען און קראנקע זקנים האבן שוין צוויי טעג נישט געהאט קיין לעפל עסן אין זייער מויל; אלץ צוליב דער מסירה פון א שונא ישראל, אז אידן האבן מכלומרשט געלעסטערט די קאטוילישע רעליגיע. בעטן מיר, אדוננו המלך, דו זאלסט מבטל זיין דעם משפט, וואס דארף מארגן אינדערפרי פארקומען. אין דעם זכות, וועט דאס מלוכה׳שאפט זיין שטארק און גרויס און דער מלך מיט זיין גאנצער בני בית וועלן זיין געזונט און שטארק.

דער מלך איז שטארק געריהרט געווארן, סיי פון זייער וואונדערליכן קומען קיין ווין, סיי פון זייערע פשוטע רייד, און ער האט דעם משפט מבטל געמאכט און באך דערצו באפוילן צו אלע פראווינצן, אז מען זאל מעהר צו איהם אזעלכע קלאגעס נישט ברענגען ווייל ער גלויבט נישט, אז אידן זאלן באגעהן אזא גארישקייט, צו לעסטערן א פרעמדע אמונה, בעזונדער אין די לאנד וואו זיי געפינען דארט שוץ.

ניקלעשבורגער אידן האבן פריי אפגעאטעמט, און יענער טאג איז דערקלערט געווארן פאר א טאג פון שמחה און פרייד.

דער אומגעוואונטשענער המלצה־בריף

אין ניקעלשבורג האט געלעבט א איד, א נגיד, א נשוא פנים, א נדבן, מיט א אפענער האנט און א גאלדן הארץ. זיין נאמען איז געווען ר׳ ישראל אברהם פוקאנטי.

ר׳ ישראל אברהם האט געפירט מסחרים אין די ווייטע געגנדן, שטענדיג האט ער מצליח געווען. ער איז געווען פון די איבערגע־געבענע פריינט פון דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע.

די וועגן פון דער השגחה זענען אבער פארהוילן פון דעם פשוט׳ן בשר ודם. מיט פארשידענע נסיונות ווערט אמאל א מענטש געפרואווט. און ער הויבט נישט אן צו וויסן וואס עס טויג פאר אים און וואס נישט.

אויפ׳ן פסוק : כי לא ממוצא וממערב ולא ממדבר הרים, כי אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים (תהלים, עה) - נישט פון מזרח און נישט פון מערב, און נישט פון מדבר קומט דערהייבונג, נאר ג־ט איז דער שופט, דעם דערנידערט ער, און דעם דערהויבט ער - זאגט דער מדרש רבה (במדבר, כב, ח) : נישט פון דעם, וואס א מענטש גייט ארויס האנדלען קיין מזרח אדער קיין מערב, ווערט ער א עושר. אפילו ווען ער זאל זיך אוועקלאזן מיט שיפן איבער ימים צו מזרח אדער צו מערב, און זיך אוועקלאזן אין די מדבריות אדער צווישן בערג, וועט ער אלץ נישט ווערן קיין עושר. רבי אבא פון רומניא זאגט, אז א מענטש ווערט נישט דערהויבן. אלע הרים אין פסוק מיינט מען בערג. און די הרים אין דעם פסוק (תהלים, עה) מיינט מען דערהויבנקייט. וואס טוט הקדוש ברוך הוא, ער נעמט אוועק פון איינעם און ער גיט דאס צו א צווייטן. כי אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים... דעריבער הייסט פארמעגן „נכסים״, ווייל זיי ווערן פארדעקט פאר איינעם און אויפגעדעקט פאר א צווייטן... ולמה נקרא שמם זוזין - פארוואס ווערט געלט אנגערופן זוזין ? - שזזים מזה ונותנין לזה, ווייל זיי רוקן זיך אוועק פון איינעם און קומען צו א צווייטן...

פאסירט א אומגליק, און ר׳ ישראל אברהם פוקאנטי ווערט,

לא עלינו, א יורד. ער פארלירט זיין פארמעגן, און אין א קורצער צייט ווערט ער ממש א עני ואביון, א מחוסר לחם.

מילא, סתם א ארימאן גיט זיך א עצה. ער איז א פושט יד ; ער בעט ביי שכנים, ביי קהל. איז מען אים מפרנס. אידן זענען דאך רחמנים אויף א הונגעריגן, דורשטיגן, אדער בארוועסן אידן. אבער ווען א נגיד ווערט, לא עלינו, א יורד מנכסיו, איז אים טאקע ביטער. ווייל ער שעמט זיך אויסצושטרעקן זיין האנט ...

עני חשוב כמת (זוהר, משפטים, קי"ט) - א ארימאן איז געג־ ליכן צו א טויטן, זאגט דער זוהר. פרעגט די וועלט : היתכן ? פאר־ וואס איז א ארימאן געגליכן צו א טויטן ? ער קען דאך בעטן, וועט מען אים מפרנס זיין.

ענטפערט די וועלט : דער תירוץ ליגט ממש אין דעם מאמר אליין. עני חשוב - א חשוב'ער ארימאן, וועלכער איז פריער געווען נגיד, שעמט זיך צו בעטן ביי איימיצן ; ער איז חשוב ווי א מת. אבער סתם א עני ואביון איז נישט חשוב כמת...

איז ר' ישראל אברהמ'ען, פון ניקעלשבורג געווארן פינסטער פאר זיינע אויגן. פון דער הויכער הויך איז ער אראפגעפאלן אין דעם טיפן תהום פון דחקות. בעלי חובות קומען מאנען און ער האט נישט קיין פרוטה ביי דער נשמה. ער האט שוין כמעט אויספאר־ קויפט אלע הויז־חפצים, און עס פעלט אים שוין ממש ברויט אין הויז, פון א מלבוש איז דאך אפגערעדט.

בליצט אויף אין זיין מוח א געדאנק, אז ער וועט צוגיין צום ניקעלשבורגער רב. זיין נאמען איז מפורסם אין אלע תפוצות אלס גאון און צדיק. וועט ער בעטן ביי אים א קליינע טובה. דהיינו ? ער זאל אים אנשרייבן א בריוו, אז ער קען אים, אז ער איז געווען א נדבן, א בעל צדקה, און אז איצט איז ער, לא עלינו, א יורד מנכסיו און אז עס איז א גרויסע מצוה מקיים צו זיין דעם והחזקת בו. ווען א בהמה פאלט, איז דאך א מצוה צו העלפן זי אויפשטעלן, על אחת כמה וכמה א איד.

מיט אזא „כתב המלצה" וועט ער זיך אוועקלאזן אין די מרחקים אריין, וואו מען קען אים נישט. און ער וועט בעטן ביי אידן נדבות. ווען ער וועט האבן אנגעזאמלט א סכום, וועט ער זיך

צוריק שטעלן אויף די פיס. ער וועט אפגעבן זיינע חובות, און ער וועט ווידער אנהויבן פונדאסנייי.

קומענדיג צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע, האט ר׳ ישראל אברהם זיך פארטרויט און דעם רבי׳ן דערציילט וועגן זיין אומגליק. און ער האט איבערגעגעבן די בקשה, אז ער זאל אים געבן א „כתב המלצה״ וועט ער אזוי ארום זיך קענען צוריק שטעלן אויף די פיס.

דער רבי ר׳ שמעלקע, וועלכער איז געווען בטבע א גרויסער בעל רחמנות, איז שטארק גערירט געווארן פון ר׳ ישראל אברהם׳ס רייד. טרערן האבן גערונען פון זיינע אויגן. פון זיין פנים האט מען געקענט דערקענען ווי ער איז זיך משתתף אין ר׳ ישראל אברהם׳ס צער.

ווי דערשטוינט איז אבער געווארן ר׳ ישראל אברהם, ווען דער רבי ר׳ שמעלקע האט אים אפגעזאגט, ווייל ער האט נאך קיינמאל נישט געגעבן קיין „כתב המלצה״, קען ער דאס איצט אויך נישט טאן.

ר׳ ישראל אברהם בעט אים רחמים, אז ער זאל איצט מאכן א אויסנאם, ווייל דער רב קען דאך אים און זיינע מעשים ביז איצט.

– רבי – האט ר׳ ישראל אברהם געוויינט – עס איז דאך באו מים עד נפש ... איהר קענט מיך נישט אוועקשיקן מיט ליידיגע הענט. מיין בני בית פאסטן שוין דעם צווייטן טאג. די קינדער הונגערן. איך שעם זיך צו דערציילן איימיצן וועגן מיין בראך. האט רחמנות, רבי ! גיט מיר אזא בריוו. וועל איך זיך אוועקלאזן אין די מרחקים אריין און מאכן א ביסל געלט.

דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע׳ס פנים פלאמט. א שווייס באגיסט זיין געזיכט. ער שפרייזט ארויף און אראפ אין זיין חדר. ער וויל רעדן צו ר׳ ישראל אברהמ׳ען, אבער ער קען נישט. אזוי געדויערט די דראמאטישע באגעגעניש א שעה צייט, ענדליך רופט זיך אפ דער רבי ר׳ שמעלקע, און ער זאגט צו ר׳ ישראל אברהמ׳ען :

– זאלסט וויסן זיין, אז איך קען דיר אזא „כתב המלצה״ נישט געבן, ווייל איך זעה, א דורך דעם כתב שטייט דיר פאר א גרויסער אומגליק ...

ר׳ ישראל אברהם האט אויסגעהערט דעם רב׳ס רייד, אבער ער האט נישט משיג געווען וואס פאר א אומגליק קען דא דער רב דערזעהן דורך געבן אים אזא ,,כתב־המלצה״ ...

גייט ר׳ ישראל אברהם ארויס פון דעם רב׳ס הויז בפחי נפש. די וועלט איז אים ענג. קוים, קוים, וואס ער שלעפט זיך אהיים.

צוקומענדיג צו זיין הויז, דערזעט ער א קויש פאר זיין טיר. אין דעם קויש איז געלעגן ברויט, אייער, צוויי עופות, א פלעשל וויין, א זעקל מעהל און אויך אנדערע שפייז. פארשטייט ער, אז דאס האט דער רב אים אהערגעשיקט, ווייל קיין צווייטער איד אין שטאט ווייסט דאך אפילו נישט פון זיין אומגליק.

עס קלאפט אים זיין הארץ. זיין מוח ארבעט שנעלער. עס בליצן אויף אין אים פארשידענע געדאנקען.

מארגן גאנץ פרי, וועט ער זיך ווענדן צו דעם שטאטישן בירגערמייסטער. יענער איז שטענדיג געווען זיין פריינט. ער האט מיט אים שטענדיג געמאכט מסחרים. זאל דער בירגערמייסטער זיך ווענדן צום רב און איהם פשוט צווינגען צו געבן אזא ,,כתב המלצה״.

און אזוי איז טאקע געווען. באלד אין דער פרי קומט ר׳ ישראל אברהם צום בירגערמייסטער און ער איז פאר יענעם מגלה זיין לאגע. ער דערציילט אים וועגן דעם רב, וועלכער גילט דאך אלס א צדיק און בעל רחמנות, אבער ער וויל אים איצט נישט קומען צוהילף מיט אזא קליינער טובה, ווי אנשרייבן א בריוו צו אידן, אז זיי זאלן אים העלפן אין זיין נויט.

דער בירגערמייסטער לויפט גלייך צום רב; ער רעדט הארבע דיבורים פאר זיין פריינט.

—הער ראבינער - זאגט דער בירגערמייסטער - מיט אייניגע ציילען קענען זי רעטן א מענטשן, אבער זי ענטזאגן זיך דאס צו טאן. ווארום?

דער רבי ר׳ שמעלקע פארענטפערט זיך פאר דעם בירגער־מייסטער פון ניקעלשבורג, אז דא גייט נישט אין זיין טירחא, נאר אז ער זעט פאר, אז אזא מין בריוו וועט ברענגען אויף ישראל אברהמ׳ען א גרויס אומגליק.

וואס פאר א מבין האט א ערל געקענט זיין אויף די רייד פון רבי'ן ר' שמעלקע?

האט ער נישט אפגעלאזט, נאר געווארנט דעם רב, אז ער וועט זיך נעמען צו אלע אידן אין שטאט, אז ער וועט זיך אין זיי נוקם זיין פאר דער עקשנות פון דעם רב.

דער רבי ר' שמעלקע האט קיין עצה נישט געהאט. האט ער אנגעשריבן אזא ,,כתב המלצה,'' אבער ער האט אויסגערעדט מיט ר' ישראל אברהמ'ען א תנאי כפול: אין דעם ערשטן טאג נאך זיין צוריקקומען פון דער נסיעה, מוז ער דעם רב תיכף ומיד צוריקגעבן דעם כתב ...

ר' ישראל אברהם האט גענומען דעם כתב און זיך אוועקגעלאזט אין די מרחקים אריין ...

קומענדיג אין א שטאט אדער אין א שטעטל, פלעגט ר' ישראל אברהם דאס ערשטע זיך ווענדן צום רב. ער האט אים געוויזן דעם בריוו פון דעם ניקעלשבורגער רב, וועלכער זאגט אויף אים עדות, אז ער אליין איז געוועזן א נגיד און א בעל צדקה, און אז צוליב פארשידענע סיבות איז ער געווארן א יורד, לא עלינו.

יעדער רב האט ר' ישראל אברהמ'ען מכבד געוועזן, און געשיקט רופן די פרנסים, און זיי געבעטן, אז זיי זאלן מיט דעם אורח נכבד מיטגיין צו די נגידים פון שטאדט, און שאפן פאר אים א סכום הגון, אז ער זאל זיך קענען צוריק שטעלן אויף זיינע פיס.

אין א זעהר קורצער צייט האט ר' ישראל אברהם אנגעזאמלט א גרויסע סומע געלט, ווייל דער נאמען פון דעם רבין ר' שמעלקע, דער ניקעלשבורגער רב, האט גע'שמ'ט אין די תפוצות ישראל. ווער עס האט דערזען זיין כתב, האט זיך אנגעטאן א כוח מקיים צו זיין די מצוה פון ,,והחזקת בו''.

איז זיך ר' ישראל אברהם מיישב, אז עס איז שוין געקומען די צייט, אז ער זאל אהיימפארן. ער האט שוין געהאט גענוג געלט אנצוהויבן זיינע געשעפטן אויפסניי און אויך אפצוצאלן זיינע חובות. האט ער זיך גענומען אויף צוריקוועגס. ער האט געדונגען א בעל עגלה און ער איז געפארן אהיים.

אויפ'ן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי יעדער קרעטשמע,

סיי צוליב דעם דאווגען און סיי צוליב נעמען עפעס אין מויל אריין, אדער, להבדיל, אנצופאיען די פערד.

קומענדיג אויף א אכסניא, הערט ר׳ ישראל אברהם פון יענעם קרעטשמער, אז דער ניקעלשבורגער רב, דער גאון און צדיק, איז נפטר געווארן. מיט טיפן ערנסט האט ער זיך געטראכט: איצט בין איך באפרייט פון מיין צוזאג צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע, אז תיכף ומיד ווי נאר איך וועל זיך צוריקקערן קיין ניקעלשבורג, זאל איך אים צוריקגעבן דעם כתב.

פארנדיג אזוי אהיים, באגעגנט ער א איד א בעל צורה, א נצרך, לא עלינו, און ער שלאגט אים אן, אז יענער זאל קויפן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע׳ס ,,כתב המלצה״, וועט ער מאכן פיל געלט בכבוד, ווייל דער נאמען פון דעם ניקעלשבורגער רב קלינגט אין די מרחקים.

יענער איד האט טאקע אפגעקויפט דעם כתב, און זיך געלאזט אין די שטעטלעך זאמלען נדבות. ער האט אויך שטארק מצליח געווען און געזאמלט א גרויסע סומע געלט.

ר׳ ישראל אברהם איז געפארן און געפארן איבער וועלדער און פעלדער. און דא טרעפט א אומגליק. א באנדע רויבערס זענען אים באפאלן און זיי האבן ביי אים צוגענומען זיין גאנצן פארמעגן. די פרוטה אחרונה האבן זיי ביי איהם צוגענומען. און ער איז פארבליבן בעירום ובחוסר כל. האט ער זיך איצט געשעמט אהיימצוקומען קיין ניקעלשבורג אן א פרוטה... וואלט ער נישט געהאט פארקויפט דעם רב׳ס ,,כתב המלצה״, וואלט ער איצט אויפדאסניי אנגעהויבן אבער איצט האט ער אלץ פארלוירן ...

און יענער אורח, דער בעל צורה, וועלכער האט אפגעקויפט דעם רבין ר׳ שמעלקע׳ס כתב, האט שטארק מצליח געווען. ער האט אנגעזאמלט א הון רב... ער איז אבער קראנק געווארן. דאקטוירים האבן אים גארנישט געקענט העלפן. און ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה אין א פרעמדער ווייטער שטאט.

אידן זענען דאך גומלי חסדים, האבן זיי אים געטאן זיין רעכט. מען האט אים מטהר געווען און געבראכט צו קבורה.

זיין גאנץ פארמעגן, זיין געלט און זיינע חפצים האט מען געשיקט צו זיין ווייב קיין ניקעלשבורג ...

פאספארטן האט מען אין יענע יארן נישט געהאט. די חברה קדישא האט געפונען צווישן זיין געלט דעם „כתב המלצה״ פון דעם ניקעלשבורגער רב, אז ר׳ ישראל אברהם איז א איש נכבד און א תושב פון ניקעלשבורג... האט מען דאס גאנצע איבערבלייב געשיקט צו ר׳ ישראל אברהם׳ס ווייב...

וואס האט די אומגליקליכע פרוי פון ר׳ ישראל אברהם געקענט טאן ? זי איז געזעסן שבעה, געריסן קריעה און געוויינט מיט אירע קינדער אויף איר בראך זיי האבן זיך נישט געלאזט טרייסטן מיט דעם געלט און מיט די חפצים. שכנים זענען געקומען מנחם אבל זיין. פריינט האבן אויסגעדריקט מיטגעפיל. דער נאמען פון ר׳ ישראל אברהם איז דאך געווען באקאנט אין גאנץ ניקעלשבורג...

די צייט לויפט. עס זענען שוין געהאט אריבער צוויי יאר נאך דעם „אומגליק״. שדכנים האבן אנגעהויבן ארבעטן מעשים. א אשה כשרה איז זי געווען. געלט האט זי שוין אויך געהאט. און יונג איז זי נאך געווען. האט זי חתונה געהאט מיט א רייכן אלמן פון א שטעטל אין דער ניקעלשבורגער געגנט ...

פונקט צום יאר נאך דער חתונה האט זי געבוירן צו יענעם נגיד א זון. ביים נגיד איז דאס געווען זיין ערשטע קינד. האט ער צוגעגרייט א סעודת ברית מילה כיד המלך. עס איז געווען ממש ווי א חתונה. עס איז געווען א מאלצייט פאר ארימעלייט און פאר נגידים. דער בעל ברית האט געגעבן צדקה מיט א אפענער האנט. דאס גאנצע שטעטל האט געקאכט פון יענער גרויסארטיגער סעודה.

ר׳ ישראל אברהם האט אבער געלעבט . ער האט געוואנדערט פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף אלס געוויינליכער ארחי פרחי. ער האט געקליבן נדבות שוין אן דעם „כתב המלצה״, און עס איז אים שווער געווען איצט צו מאכן א ביסל געלט.

ויהי היום דערגרייכט ר׳ ישראל אברהם אין יענעם שטעטל פונקט אין דעם טאג ווען עס איז פארגעקומען דער ברית ...

ער האט דאך נישט געוואוסט אין וואס פאר א שרעקליכן און מורא׳דיגן פלאנטער זיין ווייב האט זיך דא געהאט פארוויקלט ...

קומט ער אויך צו יענעם ברית אפעסן א מאלצייט און באקומען עטליכע קראנען א נדבה.

די קימפעטארין האט געפילט גוט מחמת דער גרויסער שמחה, האט זי אליין באדינט די ארימעלייט מיט די בעסטע מאכלים. פלוצלונג דערזעט זי צווישן די אורחים איר ריכטיגן מאן, ר׳ ישראל אברהמ׳ען, א לעבעדיגן. זי ווערט פאר׳חלש׳ט. זי טוט זיך א גליטש אויס, און מיט א ווילדן געשריי פאלט זי אויפ׳ן דיל אין אנמאכט ...

עס ווערט א טומל און א רעש. קיינער ווייסט נישט וואס דא איז געשען. דער צווייטער מאן מיט אלע נגידים אלארמירן די דאקטורים פון שטעטל. ווען זיי זענען געקומען, איז שוין געווען יציאת נשמה ...

קיינער האט דא גארנישט געוואוסט צו זאגן וואס דא איז געשען. איינער איז אבער יא דארטן געווען, וועלכער האט גע־וואוסט מיט אלע פרטים די שרעקליכע סיבה. דאס איז געווען ר׳ ישראל אברהם, דער ערשטער און ריכטיגער מאן פון דער נפטרת. מיט א גרויס געוויין האט ער אויסגעשריגן „ברוך דיין אמת !״ ער האט נאך אויספיעט ארויסצוזאגן געציילטע ווערטער :

– דער הייליגער רבי ר׳ שמעלקע האט מיך געווארנט, אז דער „כתב המלצה״ וועט זיין א אומגליק פאר מיר.

מיט די דאזיגע ווערטער איז ר׳ ישראל אברהם אוועקגעפאלן און געשטארבן ...

*

דער ניקעלשבורגער בירגערמייסטער וועלכער האט געצ־וואונגען דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע צו געבן ישראל אברהמ׳ען דעם כתב, איז שווער קראנק געווארן. עד יום מותו איז ער געלעגן א פאראליזירטער. אויך ער האט תולה געווען זיין מחלה, ווייל ער האט זיך אקעגנגעשטעלט דעם רצון פון דעם הייליגן ניקעלשבור־גער רב.

פמליא של מעלה ענטפערט אמן

דער רבי ר׳ שמעלקע האט זייער ליב געהאט זיין יונגן תלמיד, און ער האט שוין מיט זיינע כשרונות און יראת שמים דערגרייכט צו א שיינע מדרגה. ער האט איהם שטארק מקרב געווען, יעדן אינדערפרי פלעגט ר׳ יעקב יצחק דארפן זאגן די ברכות השחר אויפן קול פארן רבי׳ן ר׳ שמעלקע און ער פלעגט דערויף ענטפערן אמן.

זיינע חברים פון דער ישיבה האבן איהם פשוט מקנא געווען, וואס ער האט אזא גרויסע זכי׳ה, צו זאגן פארן רבין די ברכות, טאג טעגליך. ווען דער רבי ר׳ שמעלקע האט עס באמערקט, האט ער זיך איינמאל אנגערופן:

– ווייסט איהר דען ווער עס ענטפערט אמן אויף די ברכות פון יעקב יצחק׳ן? די גאנצע פמליא של מעלה שטעהט און הערט איהם אויס די ברכות כדי צו ענטפערן דערויף אמן!

ערשטוינט זענען געווארן די תלמידים הערנדיג אזוינע הויכע לויב־רייד אויף דעם יונגן יעקב יצחק, ווויסנדיג אז דער רבי רעדט נישט קיין איבריגע רייד, און זיי האבן גענומען זיך באציהען צו איהם מיט גרויס יראת הכבוד.

בחדרי חדרים

טראץ דעם וואס דער רבי פון לובלין, קומענדיג אין דער ישיבה פון רבין ר׳ שמעלקע, איז ער שוין געשטאנען אויף א גרויסע הויך אין לערנען, ער איז שוין געווען א למדן מופלג, און אנגעפוהלט מיט תורה, פון די יאהרן וואס ער האט געלערנט אין דער ישיבה פון שפעטערדיגן זשאלקעווער רב, זיצנדיג דארטן טאג און נאכט על התורה ועל העבודה, דאך האט ער זיך באמיהט צו בעהאלטן זיין גרויסקייט און נישט ארויסווייזן זיינע ידיעות אין לערנען און זיינע וואונדערבארע פעהיגקייטן.

אין ישיבה איז ער געזעסן שטענדיג אויף די אונטערשטע בענק כדי מען זאל איהם נישט ארויסזעהן, ביי די שיעורים האט

ער זיך נישט געמישט, נישט אריינגעפרעגט אינמיטן און נישט פארענטפערט קיין קשיות וואס זענען אויפגעשוואומען אין מיטן שיעור.

צווישן די חשובסטע בחורים אין דער ישיבה האט זיך גערעכנט דער שפעטערדיגער קשאנובער רבי הגה״צ רבי שלמה זצ״ל, איינמאל איז דער יונגער יעקב יצחק צוגעגאנגען צו איהם און געוואלט זיך דורכרעדן אין א גאר הארבן תוספות וואס איז געווען שטארק מוקשה, רבי שלמה האט דא געפונען א געלעגנהייט זיך צו באקענען נעהנטער מיט דעם דאזיגן אזוי שטילן און אומבאמערק־בארן בחור, האט ער גענומען פארברייטערן דעם שמועס, כדי ער זאל זיך קענען ערקונדיגן ווי ווייט עס דערגרייכן די ידיעות פון יעקב יצחק׳ן.

דער יונגער יעקב יצחק האט עס אבער באלד באמערקט אז ער מיינט איהם דא צו אויספרובן ער האט זיך באלד אויפן ארט אנגערופן :

– איך פארשטעה נישט וואס איהר ווילט וויסן ווי איך האלט, איך בין דאך געקומען צו אייך פרעגן און פון אייך הערן דעם ריכטיגן פשט! ...

אזוי ארום איז געלונגען פאר ר׳ יעקב יצחק׳ן זיך צו אויס־באהאלטן פון זיינע נאהנטע און חברים, זיי זאלן נישט קענען וויסן ווי ווייט ער איז געשטיגן אין לערנען און ווי ווייט עס דערגרייכן זיינע ידיעות.

עס ווערט דערצעהלט אז ווען דער רבי פון לובלין האט זיך אמאל אפגעזעגנט פון זיין רבי׳ן, דער רבי ר׳ שמעלקע, איז צוזאמען מיט איהם אויך אריינגעגאנגען רבי שלמה קשאנובער זיך צו געזעגענען, זיי האבן געפרעגט דעם רבין, אין וואס זיי זאלן זיך עוסק זיין זייענדיג אין שטוב.

– דו – האט דער רבי ר׳ שמעלקע זיך געווענדעט צו רבי יעקב יצחק׳ן, – זאלסט לערנען דעם ספר „עץ חיים״ פון רבי חיים וויטאל, און דו – האט ער זיך געווענדעט צו רבי שלמה קשאנובער – דארפסט לערנען גמרא און תוספות.

דאן האט רבי שלמה קשאנובער פערשטאנען צו וועלכע הויכע מדרגות דער רבי פון לובלין האט שוין דערגרייכט, און ווי גרויס עס זענען זיינע השגות, ביי וואס פאר א מדרגה ער האלט שוין.

היטן אויף די אויגן

שוין אלס יונג קינד האט זיך יעקב יצחק מקדש ומטהר געווען אין זיינע אלע גלידער זאלן זיין הייליג נאר צו דינען דעם באשעפער ברוך הוא. ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאהר האט ער גענומען אויף זיך נישט ארויסצוקוקן פון זיינע ד׳ אמות, און דערפאר פלעגט ער פארבינדן זיינע אויגן מיט א טיכעלע, ער זאל נאר קענען זעהן וואס טהוט זיך אין דער נאהנט. אייניגע יאהר איז ער אזוי ארומגעגאנגען ביז וואנען ער האט קאליע געמאכט זיין ראי׳.

– דערפאר – האט שפעטער דער רבי ר׳ אלימלך אויף איהם געזאגט – האט ער זוכה געווען צו ליכטיגע אויגן ער זאל קענען קוקן מסוף העולם ועד סופו.

*

עס איז דא א ווארט פון הייליגן בעש״ט זצ״ל וואו ער פארענטפערט דערמיט א פליאה׳דיגער תרגום. דער פסוק זאגט אין פרשת בלק: „נאם בלעם בנו בעור ונאם הגבר שתום העין״. קומט דער תרגום און טייטשט אפ דעם „שתום העין״ – „עינא דשפיר חזי״. וואונדערן זיך אלע מפרשים: שתום העין מיינט דאך א פארמאכטע אויג ווי אזוי זשע קען עס דער תרגום אפטייטשן פונקט פארקערט, אז מען מיינט גאר א אויג וואס זעהט וואונדערבאר?

זאגט דערויף דער בעש״ט זצ״ל: די השראת השכינה קען נישט זיין נאר אויף א מקום קדוש, אויף א הייליגן ארט, אין א מקום טומאה קען די שכינה נישט רוהען. בלעם, וועלכער איז געווען א נביא שבאומות, וועלכער האט געהאט א שייכות מיט דער הייליגע שכינה, אוואו זשע האט די שכינה געקענט האבן א ארט זיך צו זיין אין דער צייט וואס ער איז א גוי, א טמא?

דערצעהלט דא דער פסוק אז בלעם האט פארמאגט איין אייב־ציגן אבר מיט וועלכן ער האט נישט פוגם געווען, וואו ער האט

נישט געקענט פוגם זיין, ווייל ער איז געווען א שתום העין, א בלינדער אויף איין אויג, אט אויף יענע אויג וועלכע האט נישט אנגעיאגט צו פוגם זיין, דארטן האט געקענט זיין א השראת השכינה, דארטן האט געקענט חל זיין די נבואה.

און דעריבער מאכט טאקע דער תרגום אויף שתום העין – עינא דשפיר חזי, ווייל מיט אט די בלינדע אויג, דאס איז געווען דער איינציגער גליד מיט וועלכן ער האט געקענט זעהן, די פאר־מאכטע אויג איז געווען א עינא דשפיר חזי.

אויסארבעטן דעם קערפער

ווען דער רבי פון לובלין איז דערנאך געקומען צום רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, האט ער איהם געהייסן אויפהערן מיט דער דאזיגער הנהגה, דער רבי ר׳ שמעלקע האט געטענה׳ט, אז יעדער מענטש דארף זיך אויסארבעטן זיינע אלע גלידער, אויף אזוי ווייט, אז אפילו די אויגן וועלן זיין אפן, זאלן זיי נישט זעהן נאר דאס וואס מען דארף זעהן און אויך די אויערן, אפילו זיי וועלן נישט זיין פארשטאפט, זאלן זיי זיין אויסגעארבעט צו הערן נאר ריינע און כשר׳ע דיבורים, א.א.וו.

*

ווי ווייט דער רבי ר׳ שמעלקע אליין איז געווען אויסגעארבעט און זיינע אלע גלידער זענען געווען קודש לה׳, ווערט דערצעהלט פאלגענדע מעשה.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז אנגעקומען קיין ניקעלשבורג, איז ער אמאל פארבעטן געווארן פון א חשובן בעל הבית אויף א סעודת מצוה, ביי דער דאזיגער סעודה האט דער בעל הבית דערלאנגט פארן רבין ר׳ שמעלקע א גלאז קאווע און נעבן דעם אוועקגעשטעלט א קענדל מילך.

נאכדעם וואס מען האט אנגעגאסן די קאווע, גיט דער רבי ר׳ שמעלקע א פרעג דעם בעל הבית: „און וואו איז די מילך?״

– די מילך שטעהט אויפן טיש! – האט דער בעל הבית גע־ענטפערט.

אין איניגע מינוט ארום װענדעט זיך דער רבי ר׳ שמעלקע װידער מיט דער זעלבער פראגע צום בעל הבית, און דער בעל הבית ענטפערט איהם די זעלבע תשובה.

װען די דאזיגע פראגע האט זיך אזוי איבערגעחזרט איניגע מאל האט דער בעל הבית פארשטאנען אז מיט די מילך איז נישט אזוי גלאטיג, איז ער באלד אריין אין קאך און גענומען אויספארשן די דינסט, האט ער זיך דערוואוסט אז װען די דינסט האט גענומען די מילך פון דעם גוי איז קיין איד נישט געשטאנען ביים מעלקן, אזוי ארום טאר מען דאך די מילך נישט טרינקען.

לויפט אריין דער בעל הבית שנעל גיך אין שטוב אריין, נעמט אראפ די מילך פון טיש, און דערצעהלט פארן רבין ר׳ שמעלקע דאס וואס ער האט זיך דערוואוסט.

– אבער, רבי לעבן – פרעגט דער בעל הבית – אויב איהר האט געוואוסט מיט רוח הקודש אז די מילך איז נישט קיין כשר׳ע, אז מען טאר עס נישט טרינקען, פארוואסזשע האט איהר עס מיר נישט באלד געזאגט, נאכוואס האט איהר געדארפט כסדר פרעגן וואו איז די מילך ?

– איך האב עס נישט געוואוסט מיט רוח הקודש – האט דער רבי ר׳ שמעלקע געענטפערט דעם בעל הבית – אבער דו ווייסט דאך וואס די גמרא זאגט אז ,,חלב שחלבו עכו״ם ואין ישראל רואהו אסור״ דאס אויב א איד שטעהט נישט ביים מעלקן די מילך דורכן גוי, טאר עס קיין איד נישט טרינקען, איך טייטש אבער : ,,חלב שחלבו עכו״ם״ – אזוינע מילך וואס א גוי האט אליין געמאלקן – ,,ואין ישראל רואהו״ – זעהט עס דער איד אינגאנצן נישט, עס עקזיסטירט נישט פאר איהם מעהר ווייל די אויגן דארפן זיין אזוי אויסגעארבעט, זיי זאלן נישט קענען זעהן נישט קיין כשר׳ע זאך !

און דאס איז טאקע געווען דאס כסדר׳דיגע פרעגן פון רבין ר׳ שמעלקע : ,,וואו איז די מילך״ – ווייל חאטש די מילך איז געשטאנען אויפן טיש, וויבאלד עס איז נישט געווען קיין כשר׳ע, האבן עס די ריינע און ליכטיגע אויגן פון רבין ר׳ שמעלקע נישט געזעהן.

דער ירושלמי זאגט: אמר רב יוסף מחזיקנא טיבותא לרישיה דכד מטיא למודים כייף ליה. דער פשוטער פשט פון דעם ירושלמי איז, אז ר׳ יוסף האט טענות קעגן די וואס דאוונען אן כוונה, דאס דאוונען איז מעכאניש, מאטארזירט, אויף אזוי ווייט דאס ווען מען זאגט מודים, בויגט זיך שוין אליין דער קאפ, כאטש ער ווייס בכלל נישט וואס ער זאגט יעצט.

האט אבער א גדול געטייטשט, אז רב יוסף רעדט דא וועגן א מענטשן וואס האט אויסגעארבעט זיין קערפער ער זאל דינען דעם אויבערשטן, דער קערפער איז שוין אויף אזוי ווייט אויסגעארבעט, דאס ווען ער דערגרייכט צו מודים, בוקט ער זיך שוין אליין, און מען דארף נישט האבן קיין ספעציעלן רצון דערצו.

די חלומות מאטערן

אין דער שטאט לעווערטאוו, נישט ווייט פון לובלין, האט געוואוינט א איד א גרויסער נגיד, א רייכער גוטבאזיצער, וועלכער האט געפירט געשעפטן מיט פריצים פון דער סביבה: זיין נאמען איז געוועזן שמואל פרץ. אויסער דעם וואס ער איז געווען א רייכער איד, א גרויסער בעל השפעה, איז ער אויך געווען א למדן און א ג־ט׳ס פארכטיגער.

מיט וואס שטראפט דער אויבערשטער א ערליכן מתנגד? מיט א איידים א חסיד...

ר׳ לוי יצחק זצ״ל, דער שפעטער־בארימטער בערדיטשעווער רב, איז געווארן זיין איידים. ר׳ לוי יצחק איז געווען א גרויסער עילוי, א מתמיד און א גרויסער בעל־רחמנות.

ר׳ לוי יצחק פלעגט אליין צוגרייטן געלעגערס פאר די אורחים, און ווען עס פלעגט אמאל אויספעלן א געלעגער, פלעגט ער לויפן אין גאס אריין קויפן א בינטל שטרוי און עס אליין אהיים טראגן, און צוגרייטן א געלעגער פאר א אורח.

ווען זיין רייכער שווער האט איינמאל דערזען, ווי זיין עילוי־שער איידים, דער איידעלער קעסט־יונגערמאן, שלעפט איבער די גאסן פון לעווערטאוו א בונט שטרוי, האט ער אים געפרעגט:

– ,,לוי יצחק, ווען דו גיסט דעם ערל נאך עטליכע קאפיקעס טראגט ער דאך פאר דיר א היים דעם בונט שטרוי".

ענטפערט ר' לוי יצחק: ,,שווער, צו דארף איך מיט אזא הייליגע מצוה, פון הכנסת אורחים, מכבד זיין א ערל און אים נאך באצאלן דערפאר?..."

אין יענער צייט האט גע'שמ'ט אין אלע געגנדן פון לאנד פוילן דער נאמען פון גאון און צדיק דער רבי ר' שמעלקע זצ"ל.

דער רבי ר' שמעלקע איז געווען רב אין ריטשעוואל, און זיין ברודער, ר' פנחס זצ"ל דער בעל ,,הפלאה" און ,,המקנה", איז געווען שפעטער רב אין פראנקפורטביים מאין.

*

דער אפטער רב זצ"ל דער אוהב ישראל, פלעגט תמיד דערציילן, אז די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' שמעלקע, און דער בעל הפלאה, האבן געלערנט תורה ביים ווילנער גאון זצ"ל.

דער ווילנער גאון האט אמאל געוואלט ארייגלייגן אין חרם אלע תלמידים פון רבי'ן ר' בער. ער האט צוזאמענגערופן א בית־דין פון צען גדולים; צווישן זיי, דער רבי ר' שמעלקע און זיין ברודער דער בעל הפלאה.

ווען דער רבי ר' בער האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער געשיקט קיין ווילנע צוויי פון זיינע גרויסע תלמידים, ר' אברהם קאליסקער און דעם רבי'ן ר' זושא.

דער רבי ר' בער האט זיי געגעבן א עצה, וואס זיי זאלן טאן, כדי דער גאון זאל זיי מקרב זיין: ווען זיי וועלן קומען קיין ווילנא, וועט דער גאון גראד דאן לערנען מיט זיינע תלמידים א געוויסן שווערן תוספות. זאלן די צוויי תלמידים לערנען פשט אין יענעם תוספות.

וכך הוה, דער גאון איז געזעסן מיט זיינע תלמידים און מעיין געווען אין יענעם הארבן תוספות. די צוויי תלמידים פון רבי'ן ר' בער האבן צווישן זיך פארטייטשט דעם תוספות און די תלמידים פון גר"א האבן געהערט זייער פשט. האבן זיי עס דערציילט דעם ווילנער גאון. דער ווילנער גאון האט צוגערופן די צוויי אורחים

און זיי געפרעגט, ווער זיי זענען? האבן זיי געענטפערט, אז זיי זענען די תלמידים פון רבי׳ן ר׳ בער, און דער גאון האט זיי פיין אויפגענומען.

ווען די צוויי ברידער, דער רבי ר׳ שמעלקע און דער רבי ר׳ פינחס האראוויץ האבן געהערט רעדן דעם רבי׳ן ר׳ זושא און ר׳ אברהם קאליסקער, זענען זיי שטארק נתפעל געווארן, און עס האט זיך זיי פארגלוסט צו פארן צום רבי׳ן ר׳ בער. נאך דער ערשטער נסיעה קיין מעזריטש זענען זיי שוין דארטן פארבליבן...

*

ר׳ לוי יצחק׳ן האט זיך שטארק פארגלוסט צו פארן קיין ריטשאוועל, צו זען דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע. ווי אזוי טוט מען עס אבער? זיין נגידישער שווער איז א שארפער מתנגד, די שיטה פון בעל־שם און זיינע תלמידים האט זיך נישט צוגעקלעפט צו איהם; ממילא האט ער גאר נישט געזעהן און גאר נישט דערפילט די הייליגע קדושה, וואס זעצט ארויס פון יענעם חדר.

פון גרויס בענקשאפט, האט ר׳ לוי יצחק נישט געקענט מער עסן. ער איז ארומגעגאנגען פארבענקט: און פון גארן און בענק־שאפט, צו זעהן דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע, איז ער געווארן אפגעצערט, עס איז פשוט א רחמנות געווען אויף איס א קוק צו טאן.

דער נגידיש־מתנגדישער שווער, ר׳ שמואל פרץ, האט עפעס באמערקט, אז זיין איידים איז נישט מיט אלעמען. האט ער אים, צווישן פיר אויגן, געפרעגט די סיבה פון זיין ארומגיין פאר׳חלומ׳ט, ר׳ לוי יצחק האט אים געענטפערט, אז ביטערע חלומות מאטערן איהם נאכט נאך נאכט; ער מוז פארן קיין ריטשעוואל...

דער שווער האט ניט בלויז מסכים געווען צו דער דאזיגער נסיעה, נאר ער האט איהם בפירוש געבעטן, אז ער זאל תיכף־ומיד פארן קיין ריטשעוועל. ער האט באפוילן איינצושפאנען פערד־און־וואגן און מיטגעשיקט מיט אים א קוטשער.

קומענדיג קיין ריטשעוואל צום רבי׳ן ר׳ שמעלקע האראוויץ, האט ר׳ לוי יצחק גלייך אהיים געשיקט דעם טרייבער מיט די פערד, און ער איז שוין פארבליבן ביים רבי׳ן ר׳ שמעלקע...

דעם יצר הרע'ס שמשים

ווען דער רבי שמעלקע איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין ניקעלסבורג, וואו דער רוב פון די אידישע קהלה זיינען געווען אויפגעקלעהרטע, האלב דייטשן, זיינען איהם געקומען א חברה יונגע משכילים, אלע מגולחים, מקבל פנים זיין. דער מנהג פון די אויפגעקלעהרטע משכילים איז דעמאלט געווען צו טראגן ברילן און האלטן אין דער האנד שטעקעלעך.

אזוי ווי דער רבי ר' שמעלקע האט דערזעהן די חברה, איז ער אראפגעשטיגן פון וואגן און פון זיי מקבל שלום געווען.

– זאגט אונז עפעס א גוט ווארט, רבי" – האבן די משכילים איהם געבעטן.

דער רבי ר' שמעלקע האט זיי בעטראכט און דאן זיך אנגערופן:

– אט לאמיר אייך זאגן טאקע מענינא, וואס עס איז מיר איינגעפאלן אט די רגע בעת איך האב אייך דערזעהן. פריהעריגע צייטן, ווען נאר אלטע אידן האבן געקוקט אויף ברילן און געגאנגען מיט שטעקנס, אז א איד איז געקומען אין די פופציגער, געפיהלט אז דער כח־הראיה ווערט איהם שוואכער, ער מוז שוין האבן ברילן און די פיס הויבן איהם שוין אן צו שטרויכלען, ער מוז זיך שוין ארויסהעלפן מיט א שטעקן, און די האר פון בארד הויבן אן גרוי צו ווערן, האט ער פערשטאנען אז די ימי הזקנה רוקן זיך שוין, און מען מוז עפעס אנהויבן צו טראכטן פאר א תכלית פאר דער נשמה אויך. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז מען האט זיך אנגעהויבן צו בערעכענען וואו מען איז ערגעץ אין דער וועלט און תשובה געטהאן.

האט, פערשטעהט זיך, דער "בעל דבר" גאר ניט געשמעקט דער ענין. וואס קומט איהם ארויס וואס ער ארבייט זיך אב יאהרן לאנג צו איבעררעדן מענטשן צום זינדיגן, אז שפעטער ווען זיי ווערן עלטער, דערמאנען זיי זיך וואו זיי זיינען אין דער וועלט, טהוען תשובה און זיין גאנצע ארבייט איז גאר געווען לבטלה.

וואס האט דער קלוגער "בעל־דבר" געטהאן, כדי דער עולם זאל זיך נישט מעהר דערמאנען אן דעם יום המיתה? האט ער

אנגערעדט די יונגע לייט זיי זאלן אויך טראגן ברילן, האלטן שטעקענעס, און זיך אבגאלן די בארד, כדי מבטל צו זיין אלע דריי סימנים וועלכע ווייזן, אז מען איז שוין אלט און מען דארף טראכטן פאר א תכלית. איהר זייט אלזא דעם יצר־הרע׳ס שמשים.

ניגונים פון הימל

דער סיגעטער רב, הגה״צ רבי יקותיאל יהודא טייטלבוים זצ״ל, דערצעהלט, דאס ער האט געהערט פון זיין זיידן הגאון הצדיק רבי משה טייטלבוים זצ״ל, אוהל׳ער רב, אז ווען דער רבי ר׳ שמעלקע פלעגט דאוונען פארן עמוד, שבת אדער יום טוב, בעזונדער אין די הייליגע טעג, אין ראש השנה און יום הכפורים, פלעגט ער מכוון זיין גאר טיפע כוונות ביים דאוונען, ער האט דעריבער זייער מאריך געווען ביים דאוונען, און צווישן יעדןווארט האט ער געמאכט א שטיקל הפסקה.

וויבאלד אבער זיין מחשבה און זיינע אלע געדאנקען זענען געווען דבוק אין די אויבערשטע עולמות, האט ער דאן געזונגען אזוינע וואונדערליכע ניגונים, וועלכע זענען געווען אויסערגע־וויינליך שעהן, זעלטן ווען מען האט געקענט הערן אזוינע שעהנע ניגונים.

אבער דער רבי ר׳ שמעלקע אליין האט גאר קיין אהנונג נישט געהאט וואס פאר א ניגון ער זינגט, ווייל זיין מוח וואס איז געווען דבוק אויבן, האט אראפגעצויגן אויף דער וועלט די אויבערשטע ניגונים, וועלכע זענען אויסגעזונגען געווארן דורך זיין מויל.

השפעת הקדושה

און נאך האט דער סיגעטער רב דערצעהלט פון זיין זיידן, דער אוהל׳ער רב, בעל „ישמח משה״, דער אוהל׳ער רב איז געווען רב אין שינאווע, איידער ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין אוהל, דארטן איז אויך געווען רב דער רבי ר׳ שמעלקע, אין די פריהערדיגע יאהרן.

ווען דער אוהלער רב האט פרייטאג צו נאכטס געדאוונט אין דעם צימער אין וועלכן דער רבי ר׳ שמעלקע פלעגט דאוונען, איז איהם באפאלן א מורא׳דיגער פחד, וועלכע האט איהם געמאכט צוטרייסלען זיינע אלע גלידער. ער האט באקומען די בחינה פון יראה וועלכע האט אנגעהאלטן ביז דעם אנדערן פרייטאג צו נאכטס, אין דעם צווייטן שבת האט ער באקומען די בחינה פון אהבה צום בורא יתברך, וועלכע האט איהם ממש צופיבערט פון גרויס ליבשאפט צום הייליגן באשעפער. דאס האט אויך אנגעהאלטן די גאנצע צווייטע וואך.

– איך בין ביי מיר זיכער – האט דער „ישמח משה״ דאן אויס־געפיהרט, ווען ער האט דערצעהלט די עובדא פאר זיין אייניקל – אז דאס איז געווען די השפעת הקדושה פון די תפלות פון רבין ר׳ שמעלקע, וואס ער פלעגט שטענדיג דאוונען אין דעם צימער, און דער רושם הקדושה וואס איז איבערגעבליבן, האט אין זיך אזא מורא׳דיגער כח הקדושה, וואס איז משפיע אויף אזוי לאנג.

אויף וואס מען דארף תשובה טהון

ווען דער אפטער רב זצ״ל, איז אמאל געווען אין דער שטאדט מאהילעוו, אין רוסלאנד, האט ער זיך דערוואוסט אז אין שטאדט געפינט זיך די צדיקת מרים, די שוועסטער פון די צוויי הייליגע ברידער דער רבי ר׳ שמעלקע און דער בעל הפלאה זצ״ל, איז ער געגאנגען איהר באזוכן כדי צו הערן פון איהר אינטרעסאנטע הנהגות פון איהרע הייליגע ברידער.

האט די צדיקת מרים דאן דערצעהלט פארן אפטער רב דעם פאלגענדען סיפור:

ווי בעקאנט האט דער רבי ר׳ שמעלקע זיך נישט געלעגט שלאפן ביינאכט, נאר ער פלעגט לערנען נאכאנאנד ביי טאג און ביינאכט, אזוי פלעגט קענען אדורכגעהן וואכן נאכאנאנד און ער פלעגט זיך נישט לייגן אויפן בעט כדי ער זאל נישט שלאפן לאנג, ער האט געהאט אויפן טיש ליגן א קווארט מיט וואסער, און ווען ער איז געווארן שטארק פארמאטערט און דער שלאף האט איהם

באפאלן, האט ער אנגעשפארט דעם קאפ אויף די וואסער, ער זאל זיך באלד אויסרוהען און אפפרישן, כדי ער זאל קענען ווייטער לערנען.

די מוטער זייערע פלעגט שטענדיג זאגן : איך האב צוויי קינדער וואו איינער לייענט נישט קיין קריאת שמע (דאס איז געווען דער רבי ר׳ שמעלקע וועלכער האט זיך נישט געלעגט שלאפן) און איינער וואס וואשט זיך נישט צום עסן (דאס איז געווען ר׳ פנחס פון פראנקפארט, דער בעל הפלאה וועלכער האט כמעט נישט געגעסן).

איינמאל ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז זיך אזוי געזעסן ביי איהם אין שטוב, אין ניקעלשבורג און געהארעוועט אין לערנען, האט איהם ארומגענומען א שווערער שלאף און ער האט נישט געקענט ווייטער ציהען דעם לערנען. האט ער דאן אנגעשפארט דעם קאפ אויף די וואסער ווי זיין שטייגער. אזוי ליגנדיג אנגעשפארט האט זיך דאס ליכט אויך אויסגעלאשן.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע האט אויפגעהויבן זיין קאפ פון איבער דאס וואסער און געזעהן ווי דאס ליכט איז פארלאשן געווארן, האט ער דערפון געהאט גרויס עגמת נפש, וואס ער קען נישט ארייננקוקן אין ספר.

די הויז אין וועלכן דער רבי ר׳ שמעלקע האט דאן געוואוינט איז געווען אין א אויבערשטן שטאק פון וועלכן עס איז ארויס א גאניק איבערן גאס, האט דער רבי ר׳ שמעלקע גענומען דאס ליכט אין האנט און ארויס אויפן גאניק, א קוק טהון אפשר וועט ער טרעפן אונטן א ארט פון וועלכן ער וועט קענען אנצינדן דאס ליכט, עס זאל ווערן ליכטיג אין צימער כדי ער זאל קענען ווייטער לערנען.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע איז ארויס אויפן גאניק, האט איהם פון אונטן איינער דערלאנגט א אנגעצונדענעם ליכט, און איהם געגעבן ער זאל דערפון אנצינדן זיין ליכט, דער רבי ר׳ שמעלקע האט אזוי געטהון, ער האט אנגעצונדן זיין ליכט און באלד צוריק אריין אין זיין צימער און זיך ווייטער געזעצט לערנען.

מיט אמאל האט זיך דער רבי ר׳ שמעלקע בארעכנט וואס דא

איז געשעהן. דער גאניק איז דאך עטליכע שטאק די הויך, ווי אזוי האט עס געקענט זיין אז א מענטש זאל איהם קענען אויסשטרעקן א ליכט פון אונטן צום אנצינדן, ער האט געפיהלט אז דער ענין איז נישט אזוי פשוט, און ער האט גענומען אריינטראכטן ווער ווייסט פון וואנען עס איז געקומען, אפשר איז עס גארנישט מצד הקדושה.

האט דער רבי ר׳ שמעלקע גענומען מתפלל זיין, מען זאל איהם מודיע זיין פון הימל ווער איז עס געווען דער מאן וואס האט איהם דערלאנגט דאס ליכט צום אנצינדן. זיין תפלה איז נתקבל געווארן און מען האט איהם פון הימל געזאגט:

– וויסן זאלסטו, אז בשעת דאס ליכט האט זיך ביי דיר פארלאשן, איז געווארן א גרויסער טומל אין הימל, דערפון וואס דיין לערנען איז געשטערט געווארן, און עס האט אויסגעפעהלט אויף דער וועלט דיין תורה, ווי אויך האט דיין עגמת נפש דערפון געמאכט א שטארקן איינדרוק אין הימל, און דעריבער האט מען געשיקט באלד אליהו הנביא, ער זאל דיר דערלאנגען א ליכט צו אנצינדן, כדי דו זאלסט קענען ווייטער ציהען דיין לערנען אומגעשטערט.

ווען דער רבי ר׳ שמעלקע האט עס דערהערט, האט ער אנגע־הויבן שטארק צו וויינען און עטליכע מאנאטן שפעטער האט ער זיך נאך אלץ נישט געקענט בארוהיגן. היתכן? צוליב איהם האט מען געדארפט מטריח זיין אליהו הנביא?

אזוי האט דערצעהלט די צדיקת מרים, די שוועסטער פון דעם רבין ר׳ שמעלקע.

ווען דער אפטער רב האט געהערט די דאזיגע מעשה, האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין און ער האט אויסגערופן:

– האט איהר געהערט, אידן, דעם גרויסן „זינד״ פון דעם רבין ר׳ שמעלקע?! ער האט תשובה געטהון און זיך מסגף געווען דערפאר וואס מען האט צוליב איהם מטריח געווען אליהו הנביא, און פארוואס? כדי ער זאל קענען לערנען אומגעשטערט, כדי עס זאל נישט אויספעהלן אויף דער וועלט זיין תורת אמת, זיין תורה לשמה! וויפל דארפן מיר תשובה טהון און זיך מסגף זיין אויף די עבירות און זינד צוליב וועלכן מיר טהוען דערצערענען דעם אויבערשטן! מה נאמר ליום הדין!

מען קען זיך פארשטעלן וואס פאר א איינדרוק די דאזיגע רייד פון דעם אפטער רב האט געווירקט אויף דעם אנוועזנדן עולם וועלכער איז טיף גערירהרט געווארן פון דעם מורא'דיגן מוסר השכל.

וויינען אויף גלות השכינה

– איך האב געהערט פון מיין זיידן, דער אוהל'ער רב, הגאון הצדיק רבי משה טייטלבוים זצ"ל, דער „ישמח משה", – דערצעהלט זיין אייניקל, דער סיגעטער רב, הגה"צ רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים זצ"ל, דער „ייטב פנים" – דאס בשעת ער האט אנגעהויבן צו טהון אין חסידות, איז איהם זייער שווער געווען דער דרך פון חסידים וועלכע זענען שטענדיג פריילאך און לוסטיג, סטייטש?! ווי קען מען זיך פרעהען אין דערצייט ווען די שכינה איז אין גלות, עס איז דאך אויך א בפירוש'ער דין אין שולחן ערוך, אז יעדער מענטש זאל זיין שטענדיג באזארגט און ער זאל זיך מצער זיין אויפן חורבן בית המקדש.

ווען דער ישמח משה איז געפאהרן צום חוזה פון לובלין, האט ער פארגאסן א תפלה צום אויבערשטן און געבעטן:

– רבונו של עולם! דו ווייסט דאך וואס יעדער מענטש טראכט, ווייסטו דאך אויך מיינע מחשבות וואס פייניגן מיר און לאזן מיר נישט צורוה, דו ווייסט דאך אויך ווי איך וויל עס זאל מיר גארנישט שווער זיין, איך זאל קיין הארץ נישט האבן אויף די חסידים, טהו מיר צוליב און העלף מיר ארויס, דאס בשעת איך וועל זיין ביים צדיק, זאלן מיר מיינע קשיות פארענטפערט ווערן, עס זאל מיר מעהר נישט אהרן, די חז"ל זאגן דאך „הבא לטהר מסייעין אותו", עס שטעהט נישט מיט קיין לשון „יחיד" פון וועלכן מען וואלט פערטייטשט אז עס געהט ארויף נאר אויף השם יתברך, נאר עס שטעהט מיט א לשון רבים „מסייעין" וועלכע עס מיינט אז אויך דער צדיק הדור דארף מיר דערביי ארויסהעלפן, איך זאל דערהערן דעם אמת.

אזוי האט דער ישמח משה דאן מתפלל געווען ווען ער איז געפאהרן אויפן וועג צום חוזה פון לובלין.

ווען דער ישמח משה איז אריינגעגאנגען צום חוזה אין צימער, באלד נאכדעם וואס ער האט געגומען שלום, האט דער חוזה זיך צו איהם אנגערופן:

– שינעווער רב! איהר זעהט אויס זייער שלעכט! עס איז טאקע ריכטיג אז עס שטעהט אין שולחן ערוך דאס עס איז גלייך פאר יעדערן וואס איז א ירא שמים צו זיין פערדאגה׳ט און פערזארגט אויף דעם חורבן בית המקדש, אבער עס ווערט שוין געברענגט אז דעם טרויער דארף מען בעהאלטן אין הארץ און די פרייד זאל מען דערקענען אויפן פנים.

– איהר מעגט מיר גלויבן – האט דער חוזה ווייטער געזאגט – אז איך פארגיס פיהל טרערן בשעת׳ן זאגן תיקון חצות, און טראץ דעם אלעם בין איך שטענדיג בשמחה, דאס האב איך געלערנט ביי מיין רבין דער רבי ר׳ שמעלקע, וועלכער האט עס ערקלעהרט מיט א משל:

א גרויסער קעניג איז אמאל געגומען געווארן אין געפענגעניש, מען האט איהם אוועקגעפיהרט אין א ווייטע לאנד, אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין א דארף און דארטן איינגעשטאנען ביי איינעם פון זיינע אמאליגע גוטע פריינד ווען יענער האט געזעהן אין וואס פאר א צושטאנד דער קייסער געפינט זיך, האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין און נישט געקענט אויפהערן צו וויינען, פונדעסטוועגן האט ער זיך געפרעהט אין הארץ, דערפאר וואס ער האט יעצט די זכי׳ דער קעניג זאל איינשטעהן ביי איהם אין הויז.

דער נמשל איז גאנץ פשוט, ווייל שכינתא בגלותא, געפינט זיך דאך די שכינה ביי אונז, און כאטש וואס מען טאר עס נישט אלעמען מגלה זיין דעם סוד ווי דער פסוק זאגט „והצנע לכת עם אלקיך״, דאך האבן דאך שוין די חז״ל געזאגט „הבא לטהר מסייעין אותו״ און עס שטעהט מיט א לשון רבים, דארפן מיר דאך אויך ארויס־העלפן...

דער צוקונפטיגער מנהיג

ווי אויבן דערמאנט האט דער רבי ר׳ שמעלקע זייער מקרב געווען דעם יונגן יעקב יצחק, און געהאט צו איהם א ספעציעלער באציהונג, דער סדר אין דער ישיבה פון רבין ר׳ שמעלקע איז געווען צו לערנען פערצן שעה אין מעת־לעת, פיהר שעה אויף דאוונען און די איבריגע צייט אויף שלאפן און עסן, אבער דער יונגער ר׳ יעקב יצחק איז נישט געווען פארבונדן מיט די דאזיגע סדרים און ער איז געווען דערפון באפרייט.

ביים רבין ר׳ שמעלקע אין ישיבה האט אויך געלערנט דער גאון רבי מרדכי באנעט זצ״ל, דער שפעטערדיגער ניקעלשבורגער רב. ר׳ מרדכי וועלכער איז ערצויגן געווארן אין מעהרן, האט זיך אויפ־געפיהרט ווי א אינטעליגענטער בחור, אין דער צייט וואס ר׳ יעקב יצחק, וועלכער איז געבוירן געווארן אין פוילן, האט נישט געהאט מיט קיינעם קיין פארקעהר.

די רביצין האט זיך אמאל אנגערופן צו איהר מאן: גיב נאר א קוק מרדכי׳לען ווי ער איז א בעל נימוס, א טייער קינד, ער פיהרט זיך אויף מיט גרויס דרך ארץ, נישט אזוי ווי יעקב יצחק וועלכער איז שטענדיג אפגעזונדערט און פארשלאסן.

– מרדכי׳לע וועט טאקע זיין א גרויסער גאון, א דייטשער רב – האט איהר ר׳ שמעלקע געענטפערט – אין דער צייט וואס אט דער בטלן וועט טראגן אויף זיינע פלייצעס טויזנטער אידן און זיי אנווייזן ווי צו דינען דעם אויבערשטן, די גאנצע וועלט וועט מיט איהם קלינגען.

אויך דער רבי פון לובלין האט זייער הויכגעשעצט די גרויסע מדרגות פון זיין רבין ר׳ שמעלקע, ער פלעגט זאגן אז לערנענדיג ביים רבין ר׳ שמעלקע האט מען געפיהלט דעם ריח פון גן עדן ביים טיש, וואס פלעגט דער רבי טהון? ער האט דאך נישט געוואלט אז מיר זאלן עס באמערקן, האט ער שטענדיג געהאלטן אויפן טיש שמעקענדיגע בשמים, כדי מען זאל מיינען אז דער ריח קומט פון די בשמים.

דער רבי ר׳ שמעלקע, כאטש ער האט עוסק געווען אין תעניתים און זיך תמיד מסגף געווען זיין גוף, איז אבער געווען א שטארק געבויטער, געזונטער מענטש.

דינסטאג, ב׳ אייר, אין יאר תקל״ח, האט מען אים מכבד געווען מיט צוויי סנדקאות; ער האט זיך געוואשן צו די סעודות ברית־מילה און האט זיך שטארק משמח געווען מיט׳ן באגעגענען זיך מיט׳ן מלאך־הברית, אליהו הנביא.

אין דעם זעלבן טאג, אינמיטן פון זאגן זיין שיעור פאר זיינע תלמידים, לומדים, האט ער זיי געלאזט וויסן בזה הלשון: טייערע קינדער מיינע, איר זאלט וויסן זיין, אז היינט וועל איך נסתלק ווערן פון דעם עולם...

די תלמידים האבן אויסגעבראכן אין א געוויין, טייל האבן געשריען: אבי אבי רכב ישראל ופרשיו! אויף וועמען פארלאזט איר אונז!?

– זייט וויסן – האט דער רבי ר׳ שמעלקע ווייטער געזאגט: – איך האב געהאט די נשמה פון שמואל הרמתי, זיין נאמען איז געווען שמואל און אויך מיין נאמען איז שמואל; שמואל איז געווען א לוי, און איך בין אויך א לוי; שמואל הנביא איז אלט געווען צוויי און פופציג יאר, און איך בין אויך אלט צוויי און פופציג יאר. דער חילוק איז נאר, וואס שמואל׳ן האט מען א נאמען געגעבן שמואל, און אזוי האט מען אים גערופן כל ימיו – שמואל; מיר האט מען אויך א נאמען געגעבן שמואל, אבער גערופן האט מען מיך שמעלקע.

און אזוי זיצנדיג אויף זיין שטול איז ער נסתלק געווארן.

ווען דער צדיק דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, האט געהערט וועגן ניקעלשבורגער רב׳ס הסתלקות, האט ער זיך וועגן ניקעלשבורגער שטארק צעוויינט און געזאגט צו זיינע מקורבים: איר האט גארניט קיין השגה פון זיין גדלות בנגלה ובנסתר; ער וואלט נאך געשטיגן און עולה געווען נאך העכער, ווען מען וואלט אים גערופן שמואל. מיט׳ן רופן אים שמעלקע, האט מען מקטין געווען און פארקלענערט זיין ערך...

אויך דעם הייליגן גוף

ווען דער רבי פון לובלין האט געלערנט ביים רבין ר׳ שמעלקע, האט ער דארטן געהאט א געטרייעם חבר פון רוסלאנד, זיי פלעגן לערנען פיהל צוזאמען, שפעטער, נאך דער פטירה פון רבין ר׳ שמעלקע, האט זיך יענער תלמיד געפיהרט צו פאהרן פון רוסלאנד קיין ניקלשבורג יעדעס יאהר צום יאהרצייט פון זיין גרויסן רבין. יעדעס מאהל, ווען ער האט געמאכט די דאזיגע ווייטע נסיעה, איז ער ספעציעל אריבער געפאהרן פון לובלין צו באזוכן זיין אלטן חבר פון דער ישיבה און פארברענגען צוזאמען אין תורה און חסידות, אזוי האט ער זיך געפיהרט אכט יאהר.

דעם לעצטן מאהל ווען דער דאזיגער תלמיד איז געפאהרן קיין ניקעלשבורג און ער איז אדורכגעפאהרן לובלין, האט זיך דער חוזה צו איהם אנגערופן:

– אומזיסט אייער פאהרן קיין ניקעלשבורג, צום ציון פון אונזער הייליגן רבין, ווארום וויסן דארפט איהר, דאס מען האט איהם ארויפגענומען אין הימל אריין צוזאמען מיט זיין הייליגן גוף.

בעזרת השם יתברך

דער פייערדיגער זייל

דאס לעבן און שאפן פון דעם גאון און קדוש
רבן של כל בני הגולה

מרן

משה יהושע יהודה לייב דיסקין

בריסקער רב

פון

הרב יוסף שיינבערגר

בעארבעט און רעדאקטירט

מיט פיהל צוגאב

פון

מנחם מנדל

פערצנטער קאפיטל

דער קאמף פארן טראדיציאנעלן חינוך

די באשיצער פון דאס אידנטהום און איהר פאנצער, זענען שטענדיג געווען די רבנים און גאונים, די פיהרער פון יעדן דור.

אין פארלויף פון די לאנגע גלות-נאכט זענען אויפגעוואקסן אין דעם וויינגארטן פון דער אידישער פאלק פארשידענע שטעכעדיגע דערנער אין דעם פארעם פון שעדליכע באוועגונגען און פארפיהרערישע סעקטעס, וועלכע האבן געציהלט צו רואינירן און אונטערהאקן די פלאנצונגען פון די רייגע לויטערע טראדיציאנעלן גלויבן אין דער תורה און חז"ל. טייל פון זיי האבן זיך געוואגט ארויסצוגעהן עפנטליך מיט גרויס חוצפה און אפענעם אנגריף, נישט באהאל־טנדיג זייערע שעדליכע שטרעבונגען. דער געפאהר פון די דאזיגע באוועגונגען איז דעריבער געווען מינדערווירטיג. אנדערע סעקטעס האבן אויסגעפונען פאר וויכטיג צו אויסבעהאלטן דעם אמת'ן צוועק פון זייערע אינטריגעס און פאר־שטעלן זייערע געמיינע כוונות, דער קאמף זייערער מיט דאס אידנטום איז געווען א שטילע און פארשטעלטע. דעריבער איז דער געפאהר געווען א פיהל גרעסערער ווי פון דעם אפענעם שונא. פערשידנארטיג זענען געווען די מעטא־דעס צו רואינירן די הייליגע גרונד פרינציפן פון אידישן פאלק און די אונטער־גראבונגס וועגען זענען צוגעפאסט געווארן לויט די באדינגונגען פון ארט און געשמאק פון דור. די ריכטונגען האבן אבער געשטרעבט צו איין און איינציגער ציהל: צו אויסלעשן די תורה ליכט פון אידישן פאלק.

גרויס איז געווען די צושטערונג און בעדייטנד אומציילליג איז געווען דער גייסטיגער חורבן וואס עס האבן פאראורזאכט די פארפיהרערישע סעקטעס וואס האבן זיך געמעהרט ביי אידן אין זיין לאנגן גלות-רייזע. אומצאהליג זענען די קרבנות וואס זענען געפאלן אין יעדן דור אויף די כפירה'דיגע מזבחות פון די געמיינע און פארדארבענע סעקטעס, וועלכע זענען געווען געפעהרליכע שטרויכלונגען פאר די שוואכינקע און אומבאוואוסטזיניגע. זיי האבן נישט געהאט די געהעריגע קרעפטן צו ביישטעהן קעגן די עפידעמיע פון די פאלשע

באוועגונגען און קעגן דעם אנגריף פון די אונטערהעצער און איינרעדער. און ווי גאר עס האט געבלאזן א שטורם ווינט האבן די אלע, וועלכע זענען נישט געווען טיף איינגעווארצלט ווי געהעריג, אפגעפאלן און אפגעריסן געווארן פון דעם לעבנס בוים פון דער תורה אידנטהום.

ביי יעדע נייע ערשיינונג, האבן די כחות הטומאה געווירקט צו פארטומלען פיהל מוחות, און צו ארייננכאפן אין דער קליפה־געפענגעניש פיהל נשמות, וועלכע זענען נישט געווען גענוג ווידערשטאנד פעהיג קעגן די צייטליכע פלאגן. אבער צוקלאפן דעם גאנצן אידישן פאלק, דעם כלל ישראל, איהם באמעכטיגן און אפנויגן פון זיין תורה׳דיגן לעבנס ליניע — דאס איז זיי נישט מעגליך געווען.

זיי האבן מיט גרויס אכזריות געריסן גאנצע שטיקער פון דעם קערפער פון אידישן פאלק „קרעו ולא דמו", זיי האבן איהרע רייהע פלייש געקעמט מיט אייזערנע קאמען, איהר דורכגעלעכערט ווי א זיפ, אבער צו איהר לעצטן טראפן בלוט, צו דעם לעבנס פינטל, האבן זיי נישט דערגרייכט.

די אלע פיהלע אנגריפן איבער דעם אידנטהום אויף זייערע אלע שטאפלען און פארמעס, האבן קיינמאל נישט דערגרייכט דעם געוואונטשענעם ציהל און ענדליך זענען זיי צוקלאפט געווארן אויף פיצלאך אויף דעם פעלז פון די אמונה פשוטה און פייער פון די הייליגע תורה, וועלכע האט פון זיך אויס־געשפיגן אן רחמנות די אלע איהרע פארברעכער. די סעקטעס זענען אונטער־געגאנגען, דאס תורה׳דיגע פאלק האט ווייטער עקזיסטירט.

דער אויבערשטער האט שטענדיג באשאפן די רפואה פאר די מכות פון אלע דורות און די קרענק פון די אלע באוועגונגען און ווען עס האט אנגעהויבן צו וואקסן ביי אידן א באוועגונג פון פארפיהרער און פארבלאנדזשעטע, און זיי האבן געדראהט צו רואינירן און פארשוועכן די גייסטיגע מויערן פון פאלק, איז דאן אויפגעשטאנען ביי אידן דער אויסגעצייכנטער פון דור, דער אנפיהרער און אויטאריטעט, וועמענס שטימע עס הערט זיך און זיין ווארט פועלט, וועלכער איז באשאנקען מיט אלע מעלות וואס אונזערע הייליגע חכמים רעכענען אויס וואס א פרנס און פיהרער ביי אידן דארף פארמאגן. וועלכער שרעקט זיך פאר קיינעם נישט און האט פאר קיינעם קיין מורא נישט, נישט פאר דעם פשוטן מענטש ווי אויך פאר מסירות א.ד.ג. ווייל זיין זיגל איז אמת און זיין קוואל — לויטער. און ער שטעלט זיך נישט אפ פון אויסצופיהרן זיינע באגעהרן. אזא איינער איז שטענדיג ארויס צו העלפן דעם דור, ער האט צוזאמענגענומען און ארגאניזירט די אלע יראי ה׳, פארהאלטן די סכנה און שטעלן זיך צום ווידער־

שטאנד, זיך שטארקן קעגן די אנגריפער, און מיט זיין גרויסקייט און אויטא־ריטעט, האט ער אויסגעראמט און פארניכטעט די אלע פאלשע באוועגונגען, די תורה פיינד האבן באקומען א מפלה, און דער פאלק האט צוריק אפגע־אטעמט און באקומען זיין פעסטקייט.

דער דורות קאמף

יעדער דור און זיין רעטער, יעדער דור און זיין ארויסהעלפער.

מיט העכער טויזנט יאהר צוריק, האט זיך געשאפן ביים אידישן פאלק די באוועגונג פון די קראאימער, וועלכע האט זיך גענומען פארשפרייטן אין א גרויסן פארנעם, זיי האבן זיך גענומען ארייננרייסן אין די אידישע געמיינדעס און געדראהט צו פארפיהרן די מאסן, דער געפאהר איז געווען גרויס. דער דור האט נויטיג געברויכט א שטארקער אומדערשראקענער פיהרער וועלכער זאל ארויסגעהן מיט א קאמף קעגן די דאזיגע פאררעטערישע באוועגונג. דאן איז אויפגעגאנגען איבער דער האריזאנט פון בבל, דער שטערן פון רבי סעדיה גאון, וועלכער האט זיך ארייגעלעגט מיט לייב און לעבן צו קעמפפן פאר דער תורה און רעליגיע, דער דאזיגער גאון האט ממש באוואונדערט מיט זיין טעטיגקייט, ער האט דערלאנגט א פעסטן טויט־קלאפ איבערן קאפ פון די אנפיהרער פון די דאזיגע סעקטע און זיי אונטערגעבראכט. דערמיט האט ער אפגעריסן די געפעהרליכע וואונד פון געזונדטן אידישן קערפער. דער אידישער פאלק איז געבליבן גאנץ און די קראים זענען געבליבן א באנדע אינוואלידן, צובראכענע שארבנס.

מיט הונדערטער יאהרן צוריק האט זיך גענומען פארשפרייטן ביים אידישן פאלק די באוועגונג פון שבתאות, וועלכער עס האט אנגעפירט און פארפיהרט פיהל פון די אידישע קהלות דער מדיח ש״ץ ימ״ש. עס איז געווען א פייער וואס האט ארומגענומען א גרויסן טייל פון דעם כלל ישראל, און מען האט געדארפט אויסרייסן די פארדארבענע ווארצלען און אפהאקן די פארשפרייטע פארסמ׳טע צווייגן פון אידישן ווייגארטן. דער וואונד האט אריינגעדרונגען אין קערפער זייער טיף. עס האט געדראהט א שרעקליכער געפאהר פארן גאנצן פאלק, דער גייסטיגער טומל ביי אידן איז געווען זייער גרויס און עס האט פארפיהרט פון די בעסטע און שענסטע. דאס פאלק האט זיך גענויטיגט אין תורה׳דיגע ריזן גייסטיג־שטארקע וואס זאלן זיך דערהויבן איבער דעם אלגעמיי־נעם כלל, זיי דורכלייטערן און רייניגן פון די סם וואס די שבתאות האט אין

ווי ארייננעדרונגען. אמתע אומדערשראקענע לייט, וואס זאלן זיך נישט שרעקן צו שטעהן אין קאמף און פארצאמען די אלע וואס ווערן פארפיהרט נאך דער באוועגונג, זיי אפטיילן פון דעם כלל ישראל און זיי דן זיין ווי צדוקים, זיי אפמשפטן איינמאל פאר אלעמאל אויף דורי דורות.

איז אויפגעשטאנען דער גרויסער גאון דער חכם צבי זצ"ל און צוזאמען מיט איהם די אלע גדולי ומאורי הדור, זיי האבן אויסגעריסן די ווארצלען פון די דאזיגע סעקטע און צוקלאפט זייערע געטשקעס, זיי האבן אויסגערייניגט און אויסגעלייטערט דעם קערפער פון פאלק ביז עס איז ענדליך פארהיילט געווארן.

און ווען עס איז דערנאך אויפגעשטאנען די פראנקיסטישע באוועגונג, וועלכע האט אויסגעשפראצט אויף די חורבות פון די שבתאות־באוועגונג, און אויך זי

רבי חכם צבי

ווי איהר מוטער האט אריינגעברענגט אין געפאהר דעם גאנצן כלל ישראל, דער דור האט זיך ווידער געגויטיגט אין א דערהויבענעם פיהרער, א מלאך וואס זאל איהם ארויסהעלפן אין זיין שווערער נויט.

איז פון הימל דאן אראפגעשיקט געווארן א הייליגער מאן, דער צדיק און קדוש רבינו ישראל בעש"ט זי"ע און צוזאמען מיט די אנדערע מנהיגי ישראל האט ער צוקלאפט און צושטויסן די באוועגונג מיט איהרע אלע נאכ־פאלגער, ער האט אויסגערייניקט די פארסמטע ברונעם'ס וועלכע די מענטשן פון דער באוועגונג האבן אויסגעגראבן און פארשפרייט צווישן דעם כלל ישראל, מען האט אפגעשניטן דעם קראנקן גליד און דער קערפער פון כלל ישראל איז ווידער אויסגעהיילט געווארן.

ווען עס האט אויסגעשפראצט אין דייטשלאנד, מיט העכער הונדערט און פופציג יאהר צוריק, די סעקטע פון די רעפארמער וועלכע האבן געוואלט רעפארמירן דאס אידישקייט, זייער בעוועגונג האט זיך גענומען פארשפרייטן איבער ווייטע לענדער און דערגרייכט צו עסטרייך אונגארן, איבער די ווייטע אידישע קהלות, דא און דארטן האבן זיך גענומען אריינכאפן נייע איינפיהרונגען נייע פארמען אין דעם אידישן לעבנס־שטייגער, א נייעם מאדערניזירטן פארעם גענומען פון די ארומיגע קולטורעלע פעלקער אין אייראפא, זיי האבן געווארפן א אומחן איבער די טראדיציאנעלע שוהלן און אויפגעשטעלט טעמפלען מיט גלאק און ארגל, געביטן דעם דאווענען אויף די גויאישע שפראכן, און פאר־שוועכט אלע הייליגטימער. די רעפארעם־באציהלן האבן גענומען אריינדרינגען ביי דעם יוגנד און עס האט געשוועבט א גרויסער געפאהר איבער דעם אלגע־מיינעם אידנטהום. עס איז דאן געווען דרינגליך־נויטיג אין א שטארקע האנד וועלכע זאל זיי פארשיקן פון דעם כלל ישראל, אויף אייביג, און אפחתמנען זייער רעכט צווישן די מרשיעי ברית.

אין אט אזא חשכות האט פלוצלונג אויפגעשיינט דער מארגנשטערן. עס האט ארויסגעשפראצט די גרויסע ליכט פון דעם גאון הדור, רבי משה סופר בעקאנט אלס דער „חתם סופר" זי"ע, וועלכער האט ארויסגעגעבן זיין דעצי־דירנדער לאז אז „חדש אסור מן התורה בכל מקום" — דאס מען טאר גישט איינפיהרן קיין שום נייעסן. ער האט אויסגעגראבן א טיפער גרוב צווישן בידע לאגערן, אויפגעשטעלט א ליניע צו א אבסאלוטע צוטיילונג צווישן די רעכטע און לינקע, ווען אויספיהר עס איז אדורכגעפירט געווארן מיט גרויס ערפאלג דורך זיין זוהן, דער גרויסער גאון רבי אברהם שמואל בנימין סופר זי"ע, דער „כתב סופר". אזוי ארום האט זיך די באוועגונג פון דער רעפארעם

אנגעטראפן אין א אפטייל וואנד, וואס האט געראטעוועט און געשיצט אויף דעם כלל ישראל ביז היינטיגן דור.

רבי משה סופר „חתם סופר"

די משכילים אין רוסלאנד

עס איז פארטונקלט געווארן דאס געשטאלט פון די סעקטע רעפארמער אין דייטשלאנד, עסטרייך און אונגארן, זייער ווירקונג איז אפגעשוואכט געווארן, און אט האט גענומען אויסוואקסן א נייע השכלה בעוועגונג פון אסימילאציע, וועלכע האט זיך פארשפרייט איבער ריזיגע שטרעקעס. ווי די היישעריקן האט די דאזיגע באוועגונג זיך אויסגעלעגט איבער די גרויסע שטעדט אין רוסלאנד און ליטא ביז אדעס, ווילנא, קאוונע, קיעוו א.א.וו. און ארייגע־בראכט אין געפאהר דאס אלגעמיינע אידנטהום. אין שפיץ פון דער באוועגונג

זענען געשטאנען די אבות הטומאה, גאנצע און האלבע אסימילאטארן. זיי האבן קאנצענטרירט אונטער זייער פאן די אלע פיינד פון דער תורה און חז"ל, און געפאדערט „אויסבעסערן" דעם ניווא פון דאס אידישקייט און איהר ערציהונג, צו מאכן פארשידענע רעפארמען אין דער אידישע טראדיציע, פאר דעם דאזיגן צוועק האבן זיי געגרינדעט א פארבאנד מיטן נאהמען „שוחרי אור והשכלה", וועלכע האט פארמאגט אפטיילונגען אין די אלע גרויסע שטעדט פון רוסלאנד. דער דאזיגער פארבאנד האט אויך באקומען די באשטעטיגונג פון דער רעגירונג, א דאנק דער ווירקונג פון די אנפיהרער פון דער באוועגונג, וועלכע האבן



רבי אברהם שמואל בנימין סופר „כתב סופר"

געהאט א פרייער אריינטריט אין די הויפן פון די הערשער, און זיי זענען געשטאנען אין שטארקע פארבינדונגען מיט דער העכערע רעגירונג געזעלשאפט.

די אנפיהרער פון די משכילים און אסימילאטארן האבן אויסגענוצט ווי געהעריג זייערע פארבינדונגען מיט דער רעגירונג, און אוועקגעשיקט אפט מסירות און בלבולים אויף די רעליגיעזע אידן מיט די שווארצסטע פארבן. זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט פאר זייערע מסירות און פארלוימדונגען מיט די ערגסטע און נידריגסטע מיטלען כדי צו באשמוצן דאס תורה-אידנטהום אין די אויגן פון דער קריסטליכער הערשאפט.

דאן איז ערשיינען אין רוסלאנד א געוויסער ד״ר לילענטאל, וועלכער איז ערצויגן געווארן אין דייטשלאנד צווישן די אסימילאטארן און זיך גע׳חבר׳ט מיט די העכערע גויאישע געזעלשאפט. אין אנהויב איז ער געקומען קיין ריגע, לויט דער איינלאדונג פון דער דארטיגער אידישער רעפארמירטער געמיינדע, צו דינען אלס הויפט לערער אין דער דארטיגע שוהלע וועלכע זיי האבן דאן געגרינדעט. ד״ר לילענטאל וועלכער האט זיך גערירכט דאס אין רוסלאנד וועט ער האבן א ברייטע פעלד צו קענען פארשפרייטן זיינע טריפנע געדאנקען, האט מיטגענומען מיט זיך א רעקאמענדאציע בריוו פון דעם קייסער פון בייערן צו זיין ברודער, דער פירשט ליכטנבורג וועלכער איז געוועזן א איידעם ביים צאר ניקאלאי.

ד״ר לילענטאל האט באלד ווי ער איז געקומען אין רוסלאנד בעזוכט דעם פירשט ליכטנבורג און איהם איבערגעגעבן דעם רעקאמענדאציע בריוו פון זיין ברודער. דער פירשט האט איהם פארגעשטעלט פאר דעם בילדונג מיניסטער, דער גראף אוואראוו, און ווייסנדיג ווי זיין שווער, ניקאלאי דער ערשטער, האט פיינד די אידן און לעכצט זיי אפצושמדן און זיי אריבערפיהרן צום קריסטנטום, האט ער איהם דערצעהלט וועגן דעם נייעם גאסט, ד״ר לילענטאל, וועלכער איז א דייטשער שטודירטער, און ער קען זיין פעהיג אויספיהרן דעם ווילן פון קייסער און צו ווירקן אויף די אידן זיי זאלן פערלאזן זייער גלויבן.

דער צאר ניקאלאי האט באלד געשיקט רופן דעם בילדונגס מיניסטער, גראף אווארעוו און איהם באפוילן צו זיך נעהנטער באקענען מיט ד״ר לילענטאל און צו באשטימען אויב מען קען איהם איבערגעבן די מיסיע ער זאל מאכן פראפאגאנדע ביי אידן קעגן זייער רעליגיע, ווי אויך ער זאל אנגעבן זיינע פלענער ווי אזוי אויסצופיהרן ווירקליך דעם קייסער׳ס ווילן.

ד״ר לילענטאל האט דאן פארגעלעגט זיינע פלענער פארן בילדונגס מיניס־טער, דאס די הויפט זאך דארף זיין מען זאל גרינדן פאר די אידן בעזונדערע

„ראבינער־שוהלן״ וועלכע וועלן זיין געבילדעט און זיי וועלן שפעטער זיין די פיהרער פון פאלק, אזוי ארום וועלן זיי באקומען א גרויסע ווירקונג אויף דעם המון עם, בעזונדער ווען די רעגירונג וועט זיי אונטערשטיצן און זיי וועלן מיט דער צייט אראפפיהרן דאס פאלק פון זיין תורה און אידישקייט.

עס פארשטעהט זיך אז אין צווישן דער צייט דארף מען אנטעהמען נאך מיטלען, ווי צ.ב.ש. פארשליסן די אידישע דרוקן דורך וועלכע די פינסטערע פאנאטישע רבנים פארשפרייטן זייער תורה און מוסר, ווי אויך אויסראמען די שוין געדרוקטע ספרים, מען זאל צו דעם צוועק אויפשטעלן א ספעציעלע קאמיטע וועלכע זאלן זיך אפגעבן מיטן קאנטראלירן די ספרים און זיי פסל׳נען.

כדי די דאזיגע גזרות זאלן נישט צוברעגנען צו א ווידערשטאנד פון די אידן, האט ד״ר לילענטאל באקומען דאן די מיסיע ארום צו פאהרן איבער אלע שטעדט און שטעדטלאך וואו עס געפינען זיך גרעסערע אידישע ישובים און ערקלעהרן פאר די אידן דעם גוטן ווילן פון דער רעגירונג און איהר באגעהר צו בילדן דאס אידישע פאלק און זיי ארויספיהרן פון זייער פינסטערן לעבן.

ווילנער אידן לאזן זיך נישט

צום ערשט איז ד״ר לילענטאל געקומען קיין ווילנא, וועלכע איז געווען א„עיר ואם בישראל״, די ירושלים פון ליטא, ער האט געשיקט רופן די אנגע־זעהענסטע מענטשן פון שטאדט און פאר זיי געהאלטן א גרויסע ריידע, ער־קלעהרנדיג די גרויסע „ליכט״ וואס ליגט אין בילדונג, און וועגן דעם גרויסן חסד וואס די רעגירונג וויל טהון מיטן אידישן פאלק, דורכן גרינדן פאר זיי ספעציעלע שוהלן וואו זיי זאלן זיך דארט אויסלערנען די לאנדס־שפראך ווי אויך אלגעמיינע בילדונג.

די אנוועזענדע האבן אויסגעהערט זיינע רייד מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, אבער קיינער האט נישט געוואגט זיך קעגן שטעלן צוליב דער מורא פאר די רעגירונג. אבער איינער פון די עלטסטע און אנגעזעהנסטע מיטגלידער פון דער קהלה, ר׳ חיים נחמן פרנס, האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט אויסגערופן:

— איך וואונדער זיך אויף אונזער געעהרטער רעגירונג, אז זי וויל פאר־שפרייטן בילדונג ביי אידן איידער זי האט נאך פארשפרייט בילדונג צווישן די גויים. אלע אידן קענען לייענען און שרייבן, אבער די מערהייט פון די

קריסטן, רוסישע בירגער, קענען נישט קיין צורה אפילו פון איין אות, און זיי האבן רעכט און נויטיקן זיך אין בילדונג מער ווי די אידן...

די דאזיגע באמערקונג האט ארייגעבראכט לילענטאלן אין א צעטומ־לעניש. אבער פונדעסטוועגן האט ער ווייטער פארגעזעצט זיינע ווערטער לוי־בנדיג די בילדונג און אנגעוויזן אויף די פליכט פון יעדן איד צו קענען פרעמדע שפראכן. ער האט געברענגט אונטערשטיצונג צו זיינע רייד פון תנ״ך און תלמוד, אז אונזערע עלטערן האבן שטענדיג געלערנט צו קענען די שפראכן פון די פעלקער. אלס ראיה צו זיינע ווערטער האט ער געבראכט וואס עס ווערט דערציילט אין מגילת אסתר וועגן בגתן און תרש, וואס האבן געוואלט אומברענגען דעם קעניג אחשורוש און מרדכי האט אנטדעקט זייער סוד. אבער ווי אזוי האט זיך מרדכי דערוואוסט וועגן דעם? דערציילן אונזערע חכמים אין תלמוד, אז בגתן ותרש זיינען געווען צוויי טארסיער און האבן גערעדט צווישן זיך טארסיש, און זיי האבן נישט געוואוסט, אז מרדכי האט געהערט צו די זיצערס פון דער „לשכת הגזית״ (מיטגליד פון גרויסן סנהדרין) און האט געקענט זיבעציג שפראכן. פון דאנען איז א קלארע ראיה — האט אויסגערופן ד״ר ליליענטאל מיט היץ און נצחון — אז פאר דער טובה פון זיין פאלק דארף א איד קענען און פארשטיין פרעמדע שפראכן. ווען מרדכי וואלט נישט געקענט די טארסישע שפראך, וואלט ער נישט געראטעוועט אחשורושן, אסתר וואלט געבליבן א אלמנה, המן וואלט עולה לגדולה געווען און וואלט פארווירקליכט זיין גזירה צו פארטיליגן, צו הרגענען און אומצוברענגען אלע אידן. אבער ווייל ער האט געקענט די טארסישע שפראך, האט ער געראטעוועט אחשורושן פון א זיכערן טויט און יענער האט אים געדענקט זיין גנאד פון דעם, וואס מען האט אים פארגעלייגט דעם מעמוארן־בוך און דורך דעם איז ארויסגעקומען א הילף פאר די אידן...

ד״ר ליליענטאל האט זיך אין די פנימער פון די פארזאמלטע איינגעקוקט מיט א נצחון־בליק, און אט איז אויפגעשפרונגען איינער פון די אלטע ווילנער קהילה־מיטגלידער, רבי אברהם עפרון, און האט צו אים געזאגט:

— איר האט א טעות געהאט, הער דאקטאר, אדרבא, פון דארט, וואס איהר האט געברענגט א ראיה צו אייערע רייד, קען מען באווייזן דאס פארקערטע. ווען בגתן און תרש וואלטן געוואוסט, אז אידן קענען פרעמדע שפראכן, וואלטן זיי דאך פארזיכטיג געווען צו רעדן אין דער אנוועזנהייט פון מרדכין וועגן זייער פלאן אומצוברענגען דעם מלך אחשורוש; אבער זיי האבן געוואוסט, אז פרומע אידן לערנען נישט בדרך כלל קיין פרעמדע שפראכן, דעריבער זיינען זיי

נישט געווען פארזיכטיג און האבן גערעדט וועגן זייער בייזן פלאן אין דער אנוועזנהייט פון מרדכין און האבן גאר נישט איבערגעקלערט, ווייל זיי זיינען זיכער געווען, אז א חרדישער איד ווי מרדכי פארשטייט נישט קיין פרעמדע שפראך, און דערפון האט ארויסגעשפראצט די גאולה פון אידן אין יענער צייט...

די דרשה פון ר׳ יצחק וואלאזשינער

פון ווילנע איז ד״ר לילענטאל געפארן קיין מינסק און אויך דארט געמאכט גרויסע פארזאמלונגען און פאר זיי געדרשנט אין לויב פון דער בילדונג. אבער דארט האט מען איהם אינגאנצן נישט מכבד געווען, מען האט איהם איבער־געריסן אינמיטן פון זיין רעדע און מען האט איהם אויך גערופן „פאררעטער״.

לילענטאל איז ארויסגעפארן פון מינסק א מאראליש דערשלאגענער, און פון דארט האט ער באשלאסן אויסצופרובן זיין כוח אין וואלאזשין. ער האט געוואוסט אז רבי יצחק, דער ראש ישיבה פון וואלאזשין און דער זוהן פון רבי חיים, דער תלמיד פון ווילנער גאון, ווערט באטראכט אין דאזיגן דור פאר די גרעסטע אויטאריטעט, בפרט אז אלע רבנים פון ליטע און זאמוט אין יענער צייט און אויך די לומדים און תלמידי חכמים אין די דאזיגע גובערניעס זיינען געווען חניכים פון דער וואלאזשינער ישיבה. דעריבער, האט לילענטאל גע־קלערט, אז אויב איהם וועט געלינגען משפיע צו זיין אויף רבי יצחקן, ער זאל שטיצן דעם פארשלאג פון דער רעגירונג צו געווינען די אידן פארן בילדונגס־געדאנק, וועט דער וועג זיין פאר איהם אפן אין אלע שטעט פון תחום המושב.

ער איז דארט אהין געקומען עטליכע טעג פאר יום כיפור און איז מיט כבוד אויפגענומען געווארן דורכן רב. ער האט איהם אויך איינגעלאדן צו האלטן סטאנציע ביי איהם אין הויז און דריי טעג האבן זיי פארהאנדלט וועגן פארשלאג פון דער רעגירונג. עס איז אנגעקומען דער יום הדין.

ערב יום כיפור, נאך דער סעודה המפסקת, האבן זיך די וואלאזשינער אידן פארזאמלט אין שוהל, וואס איז געווען באלויכטן מיט הונדערטער וואקסענע ליכט — זכרון־ליכט פאר טויטע און לעבעדיקע. אלע זיינען געווען אנגעטוהן אין ווייסן און איינגעהילט אין טליתים, שטייען ענגשאפט און ווארטן אויפן קומען פון זייער באליבטן רב, רבי יצחק און זיין דרשה, וואס ער פלעגט האלטן יעדעס יאהר פאר כל נדרי.

דער רב האט זיך נישט געשפעטיגט צו קומען, אבער איז דערשיינען נישט אליין, נאר אין באגלייטונג פון זיין בארד־געגאלטן גאסט, דער ד״ר לילענטאל.

עס זענען אריבער עטליכע מינוט און רבי יצחק איז ארויף אויף די בימה, האט זיך ארומגעקוקט אין די זייטן, האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אנגעהויבן זיין דרשה מיט פאלגענדע ווערטער:

— אין ענין פון צוגרייטן דעם כהן גדול צו דער עבודה אין קודש הקדשים אין יום כיפור האבן מיר געלערנט אין דער משנה, אז די זקנים פון בית דין האבן איהם (דעם כהן גדול) איבערגעגעבן די זקני כהונה און מען האט איהם ארויסגעפיהרט אין דער אויבערשטער שטוב פון בית אבטינס און זיי האבן איהם באשוואוירן (ער זאל נישט זיין קיין צדוקי), און האבן איהם געזאגט: אונזער הער כהן גדול, מיר זיינען די שליחים פון בית דין און דו ביזט אונזער שליח און דער שליח פון בית דין, מיר באשווערן דיך מיט דעם, וואס האט געמאכט רוהען זיין נאמען אין דאזיגן הויז, אז דו זאלסט גארנישט ענדערן פון דעם, וואס מיר האבן דיר געזאגט. ער האט זיך אפגעשיידט און געוויינט (וואס מען האט איהם חושד געווען פאר א צדוקי) און זיי האבן זיך אפגעשיידט און געוויינט (פארוואס זיי האבן איהם חושד געווען).

— עס איז דאך א וואונדער — האט רבי יצחק געפרעגט מיט א ציטער־דיגער שטימע — אונזערע רביים, די חכמים פון דער משנה און תלמוד האבן דאך שטענדיג געווארנט צו אורטיילן יעדן לכף זכות און נישט צו קלערן קיין שלעכטע געדאנקען אויף א ועלכן ס'איז איד אן א גענוגנדיגער סיבה. זיי האבן געזאגט, אז ווער עס פארשעמט עפנטליך א צווייטן האט נישט קיין חלק לעולם הבא. זיי האבן אויך געזאגט, אז דער וואס איז חושד בכשרים באקומט מלקות, און אט דערציילט אונז די דאזיגע משנה, אז אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, האבן די זקנים פון דער כהונה אויסגעדריקט א חשד, און אין וועמען? אין כהן גדול, אין ג־ט געזאלבטן. און אין וואס האט מען איהם חושד געווען, אין צדוקיזם, ד. ה. אין לייקענען אין די יסודות פון אידנטהום אין דער תורה שבעל פה, אין שכר ועונש. און וואו? אין בית המקדש. און ווען? אין ערב פון הייליגן און מוראדיגן טאג! רופט דאס נישט ארויס קיין מעכטיגע פארוואונדערונג?

— אבער — האט צוגעגעבן רבי יצחק און האט געזאגט — דער ענטפער איז א קלארער. א פריוואטן מענטש און בנוגע זיינע אייגענע מעשים טארן מיר נישט חושד זיין אן א ריכטיגן יסוד און כל זמן זיין פראצעס איז נישט אויפ־געקלערט געווארן אלס שולדיג, מוז יעדער איד זיין אין אונזערע אויגן ווי א אומשולדיגער. די זאך איז אבער איגגאנצן אנדערש ביי א געזעלשאפטליכן פארשטייער, ווען א מענטש נעמט אויף זיך די אחריות פון כלל־ארבעט. איהם

איז נישט בלויז, וואס מען מעג איהם חושד זיין, נאר מיר זיינען מחויב גוט בודק צו זיין צו זיין כוונה איז לשם שמים און אויב זיינע מעשים וועלן חלילה נישט ברענגען קיין תקלה פארן כלל ישראל. אזא מענטש, אויב ער איז אפילו א כהן גדול, דארף מען עטליכע מאל בודק זיין, און מען באשווערט איהם עפנטליך, און דווקא ערב יום כיפור, ער זאל נישט זיין קיין צדוקי, און אז זיינע מעשים זאלן חלילה נישט ברענגען אנצורירן און צו שעדיגן די אידישע תורה און מסורה...

רבי יצחק וואלאזשינער האט געענדיקט זיין דרשה און איז אראפ פון דער בימה. די צוהערערס האָבן זיך איינגעקוקט איינער אין אַנדערן מיט אַ פאַרוואונ־דערונג. ערב יום כפור זיינען זיי געוואוינט געווען צו הערן פון זייער באַליבטן רב מוסר־ און תוכחה־רייד, טאָ פאַרוואָס האָט ער איצט געענדערט זיין מנהג און האט פאר זיי מפרש געווען עפעס אַ משנה אין יומא, ווי ער וואָלט איצט געזעסן אין זיין ישיבה און געזאָגט אַ שיעור פאַר זיינע תלמידים.

אָבער איינער איז געווען צווישן קהל, דער ד״ר לילִיענטאַל, וואָס האָט פאַר־שטאַנען קעגן וועמען די רייד פון רב זיינען געצילט. נאָך דער דאזיגער קורצער דרשה, וואָס עס האָט געהאַלטן דער רב־גאון, האָט ער פאַרשטאַנען און געפילט, אַז קיין כבוד וועט אים נישט ברענגען דער וועג, אויף וועלכן ער גייט אין נאָמען פון דער רוסישער רעגירונג צו מאַכן דערנענטערן די אידן צו בילדונג — און ער האָט זיך צוריק געקערט קיין פעטערבורג.

פקחות פון ר׳ יצחק וואלאזשינער

עס פאַרשטייט זיך, אז דער באַריכט וואָס ד״ר לילענטאל האָט איבערגעגעבן פון זיין רייזע אין תחום המשוב האָט נישט צופרידנגעשטעלט די רוסישע רעגירונג. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די השפעה פון די גרויסע רבנים אויף דער אידישער באַפעלקערונג איז פיל גרעסער ווי איר אייגענער איינפלוס, און דעריבער האָט זי בשלאָסן צו גרינדן אין פעטערבורג אַ קאָמיטעט פון פיר רבנים כדי צו העלפן דער רעגירונג אין דעם ענין פון אויסבילדן די אידן.

אין יאָר תר״ג האָט זיך פאַרזאַמלט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט דער דאזיגער „רבנישער קאָמיטעט״, וואס בלויז צוויי רבנים זיינען געווען אין איהם: דער גאון, רבי יצחק פון וואלאזשין און דער צדיק און גאון רבי מנחם מענדל — דער ליובאַוויטשער רבי און ביידע האָבן זיך קעגנגעשטעלט מיט זייער

גאַנצער ענערגיע און מיינונגס־פעסטקייט קעגן די פאַרשלאָגן פון דער רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט אַנרירן די חדרים און ישיבות.

✶

מען דערציילט, אַז אויף איינער פון די זיצונגען פון דאָזיקן ראָט, האָט זיך געווענדעט דער בילדונגס־מיניסטער צו רבי יצחק פון וואָלאָזשין און האָט אים געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז אין אייערע שולן זייט איר מתפלל אין אייער גיי־יאָר, אַז "וכל הרשעה כעשן תכלה" און דערמיט מיינט איר די רעגירונג פון אונזער קיסר. די דאָזיקע תפילה חזרט איר איין מיט אייערע קינדער אין אייערע "חדרים". אין נאָמען פון דער רעגירונג פאָדער איך פון אייך, אידישער רב, אַז פון היינט און ווייטער זאָל אין אייערע חדרים און שולן נישט זיין קיין אָנדענק פון דער דאָזיקער תפילה.

האָט אים רבי יצחק געענטפערט:

— לויט מיין מיינונג איז נישטאָ קיין שום נויטווענדיקייט צו קורצן אונזערע תפילות און די רעגירונג קען איבערלאָזן אויף די דאָזיקע תפילה ווי פריער, אָן שום ענדערונג.

האָט זיך דער בילדונגס מיניסטער אויפגערעגט און געזאָגט:

— איהר בעט אויף אונזער מפלה און מיר זאָלן אריבערגיין איבער דעם מיט שטילשווייגן?

דער וואָלאָזשינער רב האָט אויף דעם געענטפערט:

— הער מיניסטער, וואָס אַרט אייך אויב די דאָזיקע תפילה וועט בלייבן אין "סידור"? הונדערטער יאָרן האָבן מיר געדאַוונט די דאָזיקע תפילה און צו איז אונזער געבעט אָנגענומען געוואָרן?

✶

מען דערציילט, אַז בעת ר' איטשעלע איז געפאָרן קיין פעטערבורג האָט ער געטראָגן אַ בגד פון אַ שיינעם געלבלעכן זייד, מיט גאָלדערנע קנעפּ, די פאָדערשטע זייט איז געווען אַ שטיק געהאָפּט אין זילבער. דער בגד איז געווען לאַנג, פירעקיג און אין אים זיינען געווען איינגעמאַכט ציצית.

איינמאָל האָט דער מיניסטער אובאַראָוו, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין אידישע ענינים, געפרעגט ר' איטשעלען:

פאַרוואָס ראָווין, דארפסטו טראָגן אַזאַ גרויסן טלית־קטן מיט אזעלכע לאנגע ציצית, עס זאָל זיך ארויסזען אין דרויסן? קען מען נישט זיין א פרומער איד און טראָגן אויפן הארצן אַ קליינעם טלית־קטן מיט קורצע ציצית? אָט איז ד״ר לילינטאַל אויך א רעליגיעזער איד, טראָגט ער אַוודאי ציצית, אָבער מ׳זעט ניט ארויס.

— איך וועל דיר זאָגן, אדוני המיניסטער — ענטפערט אים ר׳ איטשעלע — מיר אידן טראָגן ציצית כדי זיך דערמאָנען אין די מצוות וואָס ג־ט האָט אונז געגעבן, ווי עס שטייט אין דער הייליגע תורה, „וראיתם אותו וזכרתם״. איז דער ד״ר ליליענטאַל — וואָס איז אַ יונגער געבילדעטער מאַן מיט אַ גוטן קאָפּ און מיט א שארפן זכרון — האָט ווייזט אויס אזוי אויך בכח זיך צו דערמאנען... איך אָבער, א פשוטער איד פון די פארצייטיגע רבנים, מוז האבן א גרויסן טלית־קטן, מיט לאַנגע ציצית, כדי זיך צו האַלטן אין איין דערמאָנען אין אונזערע מצוות...

דער מיניסטער האָט פאַרשטאַנען די איידעלע איראָניע פון ר׳ איטשעלעס תשובה און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

✶

מען דערציילט אויך, אז אמאל האט דער מיניסטער פארגעהאלטן ר׳ איטשעלען:

— איר אידן, האָט אַזאַ שנאה צום גוי, אַז איר מאַכט אלע טאג די ברכה, ״שלא עשני גוי״.

— חלילה, אדוני המיניסטער — ענטפערט ר׳ איטשעלע — נישט מחמת שנאה מאכן מיר די ברכה, והא ראי׳, מיר מאַכן אַלע טאָג די ברכה ״שלא עשני אשה״ אויף אונזערע אייגענע ווייבער און אַ איד האָט זיין ווייב געוויס ניט פיינט...

✶

דער מיניסטער האט אַמאָל אויך געפרעגט ר׳ איטשעלען, ער זאָל איהם דערקלערן דעם זין פון די אונפארשטענדליכע מאמרים אין חז״ל.

האָט זיך ר׳ איטשעלע אָפּגערופן:

איך האָב אַמאָל געלייענט ערגעץ, אַז עס איז געפלויגן א אָדלער, האָט ער זיך אָבגעשלאָגן אַן דער האַלבער לבנה און אַנגעווארן די פעדערן. דאס איז געווען בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה און אַזוי ווי מען האָט ניט געטאָרט שרייבן אָפן וועגן דער רוסישער מפלה, האָט מען דאָס אויף דעם אופן מרמז

געווען (דער אָדלער — דער רוסישער הערב און די האַלבע לבנה — דער טערקישער). אַזוי איז אויך מיט די אַלע מאמרי חז״ל: דאָס זיינען רמזים אויף פאַרשיידענע סודות׳דיגע ענינים, וועגן וועלכע מען האָט ניט געטאָרט שרייבן אָפן.

מסירות נפש פון די רבנים

אין די גרויסע דעצידירנדע פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען דורך די מאכט, ביי וועלכן מען האָט געדאַרפט ענדגילטיג באַשליסן די ריכטונג אויף די צוקונפטיגע צייט, אין אַלע געביטן פון דאָס אידישקייט און ערציהונג, זענען גערופן געוואָרן אויסער די אידישע פאַרשטעהער, וועלכע זענען בעשטאַנען פון די אויבנדערמאַנטע צוויי אידישע גדולים און צוויי פאַרשטעהער פון די אַריס־טאָקראַטישע, אויך די גרעסטע רעגירונגס־לייט, ווי דער בילדונגס־מיניסטער, דער יוריסט־מיניסטער, דער אינערן מיניסטער, דער געהיים־מיניסטער און א ספּעציעלער דעלעגאַט פון קייסער, דער צאַר ניקאָלאַי, וועלכער איז געזעסן אַלס אַבסערוואַטאָר. פון די משכילים איז אויך ערשיינען א דעלעגאַציע אין שפּיץ פון דעם באַוואוסטן ד״ר לילענטאַל.

ביי די ערשטע אסיפה וואָס איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג, האָט דער בילדונג־מיניסטער גראַף אוואַראָוו געהייסן צום סעקרעטאַר צו פאַרלייענען דעם מאַמעראַנדום וואָס דער מיניסטער און זיינע געהילפן האָבן אויסגעאַרבעט, צו אויפשטעלן א נייעם פּלאַן ווי אַזוי צו ערציהען די אידישע קינדער אין די חדרים. ער האָט באַפוילן אויף די פיהר מיטגלידער פון דער קאָמיטע צו אונטער־שרייבן דעם מאַמעראַנדום.

האָט דער צמח צדק זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— לויט מיין מיינונג איז די גאַנצע אסיפה גערופן געוואָרן נאָר כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישקייט ביי אידן און צו קלאָהר מאַכן לויטן אידישן דין דאָס מען טאָר נישט טשעפּען אפילו די פשוטע מנהגי ישראל, ווייל אַלעס איז תורה, אָבער נישט כדי צו חתמענען אויף די פּלענער וואָס מען וועט אונז דאָ צושטעלן, און דעריבער — האָט דער „צמח צדק״ אויסגעפיהרט — זאָג איך זיך אָפּ פון צו חתמענען און איך ענטזאָג זיך אויך פון צו זיין א דעלעגאַט אין דער דאָזיגער קאָמיטע.

ד״ר לילענטאַל וואָס איז אויך געווען אַנוועזנד אין דער דאָזיגער אסיפה, האָט אין דער שטיל עפּעס אַריינגערוימט דעם מיניסטער אין אויער. א צוקאַכטער האָט זיך דער מיניסטער אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— די רעגירונג האט שוין אויסגעארבעט א אויספיהרליכער פלאן וואס מען זאל באהאנדלען אין דער דאזיגער אסיפה און עס איז ביי מיר קיין שום צווייפל נישט, אז די אידישע ראבינער ווייסן גאנץ גוט דעם צוועק פון דעם דאזיגן קאמיטע, אז זיי מוזן אונטערשרייבן אלעס וואס מ׳ר וועלן זיי פארלעגן, ווייל זיי ווייסן גאנץ געגוי׳ פון דעם פסק אז „דינא דמלכותא דינא״.

— דער טייטש פון „דינא דמלכותא דינא״ — האט דער צמח צדק דאן געזאגט — מיינט, אז אלע אפצאהלן און שטייערן וואס די רעגירונג שטעלט אויס צום גינסטן פון דער לאנד און איהר עקאנאמיע, איז אזוי ווי א דין, וואס האט דעם קראפט ווי די תורה וואלט עס אוועקגעשטעלט, אבער דער דינא דמלכותא האט קיין שום שייכות נישט צו די אנגעלעגנהייטן פון אידישקייט און רעליגעזקייט. ווייל אפילו די קלענסטע און אויבערפלעכליכע לייכטסטע מנהגים זיינען אויך לויטער תורה, און אויב די וואס ווילן עס שטערן מיינען דערמיט כדי צו טשעפען און באריהרן דאס אידישקייט, זענען מיר פארפליכטעט עס צו היטן און אויספיהרן מיט מסירות נפש ווי די תורה באפוילט אונז „יהרג ואל יעבור״.

דער פארזיצער איז געוועז זייער אויפגעבראכט, ער האט געסטראשעט דעם צמח צדק מיט שווערע ארעסט, אבער די רבנים זענען געשטאנען פעסט אין זייער מיינונג און נישט געוואלט געבן קיין האנד צו פארווירקליכן איהרע פלענער.

דער רבי איז טאקע ארעסטירט געווארן, אבער פאקטיש איז דער דאזיגער פארזאמלונג געוועזן א סוף צו די פרובן פון די אסימילאציע און רעפארמישע באוועגונג צו אראפפיהרן די אידן פון זייער אידישקייט, ווייל דאס פעסטער ארויסטרעטן פון די גדולי הדור, וועלכע ארויסגעוויזן געווארן ביי דער דאזיגער פערזאמלונג מיט אזא שטארקייט, האט טיף געווירקט אויף די הויכע רעגירונג קרייזן, זיי זענען געוועזן געצוואונגען צו איבעררעכענען פונדאסנייע זייער פלאן, צו עס לוינט זיך צו פארפלאנטערן מיט די דאזיגע פערעקשנטע אידן, וועלכע זענען גרייט זיך צו לאזן הרגענען ווען עס האנדלט זיך צו באריהרן אפילו א קלייניגקייט פון דאס אידישקייט. לויט דעם אויפטראג פון דער רעגירונג איז די אסיפה דערווייל פערשלאסן געווארן נאך איידער זי איז געענדיגט געווארן, אדער בעסער געזאגט, נאך איידער זי איז רעכט געעפנט געווארן, און לויט א באפעהל פון אויבן, איז די פארזעצונג פון די באהאנדלונגען אפגעשטופט געווארן אויף א אומבאשטימטן טערמין.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז א דאנק דער עקשנות׳דיקער קעגנערשאפט פון דעם גאון רבי יצחק און דער רבי ר׳ מנחם מענדל פון ליובאוויטש, איז צוריקגעצויגן געווארן דער פראיעקט, וואס די רעגירונג האט געקלערט

אדורכצופירן — צו באשטימען א אויפזיכט פון מיניסטעריום אויף די אידישע לער־אנשטאלטן. און פאקטיש, ווען די רוסישע רעגירונג האט געזען, אז איר פארשלאג איז נישט אנגענומען געווארן דורך די רבנים, האט זי באשלאסן צו גרינדן רבנים־שולעס אויף איר רעכנונג, אין דער האפענונג, אז די דאזיקע רבנים וואס וועלן זיך אויסבילדן אין די דאזיקע „רבנים־שולעס" וועלן האבן א גרויסע און קענטיקע השפעה אויך אויף די אידן.

אלע תלמידים פון אט די לעראנשטאלטן זיינען געווען פארשייטע אין ענינים וואס צווישן מענטש און ג־ט, געטהון מיאוסע מעשים בפרהסיה און געווען מוזלל שם שמים ברבים. וואס אנבאלאנגט זייער ידיעה אין תורה, האבן דאך די גרויסע תלמידים צווישן זיי נישט געהאט קיין אהנונג אין דער תורה און מיט זייער קענטשאפט האבן זיי דערגרייכט צו די מדרגות פון די „כלי קודש" וואס מ׳נן דינגט זיי אין ענגלאנד און אמעריקע צו זאגן קדיש נאך א טויטן. אבער אין דער רוסישער שפראך זיינען אלע געווען גוט באהאוונט. דער גאנצער בילדונגס־פראגראם אין די דאזיקע רבנים־שולעס וואס אין זיי איז געווען ניינציק פראצענט פון פרעמדער קולטור — האט געמאכט דאס קענטשאפט פון דער תורה און תלמוד פאר א פינפטן ראד צום וואגן. די גאנצע סביבה איז געווען דורך און דורך גויאיש אויף הונדערט פראצענט און די דאזיקע וואס זיינען דערצויגן געווארן אין דער דאזיקער פרעמדער סביבה, האבן געוואלט זיין רבנים ביי אידן.

*

עס האט געטראפן א מעשה ביי רבי יצחק וואלאזשינער, וואס אים איז אויסגעקומען צו האלטן שבת אין ווילנע. שבת אינדערפרי, נאכן דאווענען, ווען ער איז ארויס פון ווילנער גאונ׳ס בית המדרש אין דער באגלייטונג פון עטלעכע שטאט־נכבדים, האט ער אנגעטראפן אויף א גרופע פון „אויסגעפרעסטע" און אויסגעפוצטע בחורים, אנגעטוענע אין פאראדנע מלבושים מיט בלישטשענדיקע קנעפ און ציגארעטן אין זייערע מיילער. האט אים איינגערוימט אויפן אויער איינער פון די נכבדים:

— אט די דאזיקע תכשיטים זיינען פון דער רעגירונגס רבנים־שולע.

האט זיך רבי יצחק צו זיי געווענדעט און געזאגט:

— ווי עס זעט אויס, האט איר פארגעסן, אז היינט איז שבת.

האט זיך אפגערופן איינער פון די מחוצפים:

— צו וואס זאלן מיר זאגן א ליגן, רבי? מיר וויסן, אז לויט אייער שולחן ערוך טאר מען נישט רייכערן קיין סיגארעט אין שבת. פונדעסטוועגן רייכערן מיר יא. ווייל מיר לעבן נישט לויט דעם שולחן ערוך.

האט דער רב צו זיי געזאגט:

— איך זע, אז איר זענט מענטשן פון אמת, און אזעלכע מענטשן ווי איהר, איז זייער ארט אויפן עולם האמת און איך וואונדער זיך, וואס איר גייט דא ארום אויפן עולם השקר...

✶

צייטנוויז, האט ר׳ יצחק זיך געוויצלט וועגן די דאזיקע בעלי־עבירה׳ניקעס, ער פלעגט זאגן: פונדעסטוועגן האב איך געטראפן א צאל מעלות טובות ביי די דאזיקע תלמידים. אונזערע חכמים האבן געזאגט, אז ווער עס לייענט קריאת שמע אן תפילין איז פונקט ווי ער וואלט געזאגט א פאלשע עדות אויף זיך אליין. אבער די דאזיקע שילערס האבן קיינמאל נישט געלייענט קיין קריאת־שמע אן תפילין. ער האט אויך געזאגט, אז דער וואס מאכט א אומנוצלעכע ברכה איז עובר אויף „לא תשא את שם ה׳״, זיי אבער האבן קיינמאל זיך נישט אריינגעלאזט אין א ספק ברכה און האבן נישט עובר געווען אויף די עבירה פון ארויסזאגן אומזיסט דעם נאמען פון ג־ט.

די חז״ל האבן געזאגט, אז אומעטום מעג מען אריינקלערן אין דברי תורה חוץ אין בית המרחץ און בית הכסא. אבער זיי זיינען נישט חשוד, אז זיי זאלן טראכטן אין דברי תורה אפילו נישט אין פארבאטענע ערטער.

✶

צום שבח פון רוסישן אידנטום אין יענע צייט, וואס איז באמת געווען די עליטע פון וועלט־אידנטום, דארף געזאגט ווערן, אז בלויז יחידים און פון די פראסטע שיכטן האבן זיך געלאזט איבעררעדן צו שיקן זייערע קינדער אין די דאזיקע רבנים־שולעס פון דער רעגירונג, טראצדעם וואס די רוסישע מאכט האט געגעבן עטלעכע פריווילעגיעס און רעכט צו זייערע שילערס, ווייל זיי זיינען דאך פטור געווען פון אלע שטייערן און אפצאלן און פריי פון מיליטער־דינסט, וואס האט געדויערט, אין די צייטן פון ניקאליי דעם ערשטן 25 יאר. בלויז קינדער פון ארימע עלטערן פלעגן אריינגיין אין די דאזיקע שולעס. די פארמעגלעכע און רייכע, אפילו די משכילים, אזוי גוט ווי חרדים האבן זיי אויסגעמיטן. אבער פונדעסטוועגן האט געדראט א געפאר דעם רוסישן אידנטום פון די דאזיקע „רבנים־פאבריקן״, וואס די רעגירונג האט זיך מיט זיי פארנומען מיט א

דעליקאטער האנט, כדי זיי באליבט צו מאכן ביי די אידן.

דער אויפגאנג פון די „חובבי ציון״

ווען עס איז רוהיגער געווארן דאס שטורעם פון די אסימילירטע רעפארמער,

האט זיך צוריק געשטעלט דאס תורה אידנטהום און איהר ווירדע אויף איהר פריהערדיגן ארט, אבער נישט אויף לאנגע יאהרן.

עס איז אונטערגעגאנגען דער פייער פון די אסימילאציע באוועגונג און די וואלקענעס האבן זיך פונאנדערגעשפרייט און פון דעם פארברענטן אש אין פונדאסנייע ארויסגעוואקסן א נייע באוועגונג וואס איז געווען פיהל שעדליכער פארן כלל ישראל און די אידישע רעליגיע, פון די אלע פריהערדיגע באוועגונגען וועלכע זענען אויסגעוואקסן אין די אלע צייטן ביים אידישן פאלק. עס זענען צוריק אויפגעשטאנען די זעלבע אויסוואורפן וואס ווארפן אראפ פון זיך דעם תורה־יאך, די זעלבע פיינד פון דאס אידישקייט, און דער זעלבער צוועק צו פארפיהרן דעם אידישן פאלק און איהם אוועקרייסן פון זיין תורה און מצות, זיי האבן אבער איבערגעשטיגן מיט זייער טאקטיק און מיטלען די אלע פריהערדיגע באוועגונגען. זיי האבן פארשטאנען אריינצונעמען אין זייער ראם און איז'עע א גאנץ נייעם אינהאלט וואס האט פארכישופט די מאסן. אנשטאט די אפענע אסימילאציע, אנשטאט דאס פרעדיגן צו רעפארמען און אויסרייסן די תורה און מצות, האבן זיי גענומען טראגן דעם פאן פון „ציון". אנשטאט צו רופן דעם פאלק ער זאל פארלאזן זיין אפשטאם און זיך צונויפמישן מיט די פעלקער, א געדאנק וואס האט שוין פארלוירן זיין צויבער, איז יעצט ערשיינען דער נייער סיסטעם פון נאציאנאל, דאס האט געמיינט צו פערבייטן דאס אידישקייט אויף נאציאנאליזם.

די הויפט און פיהרער פון דער אסימילאציע באוועגונג וועלכע האבן צוגעקוקט מיט די אייגענע אויגן ווי עס איז געקומען דער ביטערער סוף פון דער אסימילאציע, האבן יעצט אויפגעהויבן אין שפיץ פון זייער ארבעט דעם נאהמען „ארץ ישראל", דער אזוי פארהייליגטער נאמען ביי יעדן אידן, זיי האבן געהאפט אז דורכן אנהאלטן מיט דער אידעע פון זיך אומקערן קיין ציון, וועט פאר זיי פיהל לייכטער זיין צו אראפפיהרן דעם אידישן פאלק פון גלייכן וועג, און ווירקליך איז דער נייער ציון באוועגונג געווארן פאר א גרויסע שטרויכלונג פארן אידישן פאלק און דער בראך איז געווען זייער גרויס.

דער געפאהר פון די דאזיגע נייע באוועגונג איז, ווי געזאגט, געווען זייער הארב. דער טאן פון ציון־ליבע וואס איז אריינגעפאלן אין געפענגעניס פון די וועלכע טיף אין הארצן ווי אויך אויסערליך זענען זיי די גרעסטע פיינד פון ציון און איהר תורה, האט פעראורזאכט א שרעקליכע פארלעגנהייט ביי פיהל מענטשן, וועלכע זענען נישט געווען ווי געהעריג גייסטיג שטארק, און נישט פיהלנדיג דעם גיפט וואס ליגט באהאלטן אין דער דאזיגע אידעע און איהרע פאן טרעגער, האבן

זיי פארלוירן זייער באוואוסטזיין און מיטגעשלעפט געווארן מיטן שטראם. מען קען נישט לייקענען אז אין די ערשטע צייטן זענען פארכאפט געווארן אין דער דאזיגער באוועגונג אויך יראים ושלמים, תמימישע אידן וועלכע האבן פון אויבנאויף נישט געפונען דעריין קיין שום שלעכטס, נאר דאן ווען עס איז פארווירקליכט געווארן אפן פאר אלעמען זייערע פינסטערע פלענער, דאס זייער ציהל איז צו פונאנדערטיילן צווישן דאס אידישע פאלק און זיין תורה, און דער נאציאנאליזם פארנעמט דא א ארט אלס צוטיילונג־אפאראט, א שארפער מעסער וואס איז באלד געשאפן געווארן צו איבערשניידן דעם לעבעדיגן קערפער פון אידישן פאלק אויף צווייען, ערשט דאן האבן די אלע עהרליכע אידן אפגעצויגן באצייטנס און אנטלאפן פון דער באוועגונג כל זמן זיי זענען נאך נישט איינגעשלונגען געווארן און פארפאלן געווארן אין דער באוועגונג.

דער צנויפפארונג פון ציון־ליבע און אסימילאציע, איז געווארן א ערנסטער געפאהר און שרעקליכער גיפט. גאנצע שטעדט וועלכע זענען געווען יאהרן לאנג די שעהנסטע בליהענדע אידישע קהלות, די גרעסטע צענטערן פון אידישקייט, קדושה און טהרה, זענען דורך זיי פארפיהרט געווארן און געווארן גייסטיג פארניכטעט. אסימילאטארן אין פארעם פון „חובבי ציון" האבן באפאלן דעם אידישן וויינגארטן און אנגעמאכט דארטן חורבנות. עס איז פארשווערט געווארן אלעס וואס איז הייליג און טייער. דער אידישער תורה־פאלק איז ווידער געשטאנען אין געפאהר.

די „חובבי ציון" האבן זיך נישט בעגנוגנט מיט ריידן נאר זיי האבן פארווירקליכט זייערע אלע פלענער. זיי האבן זיך נישט בעגנוגנט מיטן איינעמען די גלות־לענדער, נאר זיי האבן געציהלט זייערע גיפטיגע פיילן אויפן ישוב אין ארץ ישראל, צו די הייליגע שטאדט ירושלים, צו איהר אויסשלייערן פון איהרע הייליגטימער און אויסליידיגן איהרע גייסטיגע אוצרות, וועלכע זענען אין איהר איפגעהיט פון דורי דורות. זיי האבן געפלאנט אריינצושטעלן דעם קולטור־געץ אין דער פלאץ וואו עס רוהט דארטן די שכינה, אויפשטעלן א פונדאמענט פון „השכלה" אינווייניג פון דער חומה, און דארטן אויסבויען שוהלעס און גימנאזיעס. די הויפט צענטערן פון די משכילים האבן געארבעט מיט אלע קרעפטן, מיטן פוהלן שוואונג פארמאגנדיק א ריזיגן בוזשעט, מיטן צוועק בעפרייען דעם נייעם דור פון דעם „יאך" פון טראדיציאנעלן חינוך, איהם אויפבונטעווען קעגן די ערציהונג פון זיינע עלטערן פון דורי דורות.

זאס גרינדונג פון לעמל שוהלע

שוין אין יאהר תרט״ז, זענען אויפגעטרייסלט געווארן די מויערן פון ירושלים, ווען עס איז אנגעקומען אין שטאדט דער משכיל ד״ר לודוויג אוגוסט פראנקל, כדי צו גרינדן די ערשטע שוהלע, וועלכע האט זיך גערופן „לעמל" אויפן נאהמען פון די וואס האט איהם געשיקט אהין.

אין אנהויב אלול פון יאהר תרט״ו האט די פרוי ליפט הערץ וועלכע איז געווען פון די פאמיליע לעמל, באשלאסן אויפשטעלן אין ירושלים א אינסטיטוט פאר אידישע קינדער, אויפן אנדענק פון איהר פארשטארבענעם פאטער, וואו זיי זאלן קענען לערנען בילדונג און זיך „אויסמענטשלען". צו דעם זאגן צוועק האט זי געשענקט א סומע פון פופציג טויזנט פלארין, כדי אויפצושטעלן די דאזיגע שקאלע און אויך עס זאל זיין גענוג געלד אויף עס אויסצוהאלטן. זי האט איבערגעגעבן די אויפגאבע פאר דעם ד״ר לודוויג אוגוסט פראנקל, דער סעקרעטאר פון דער אידישע געמיינדע אין ווין, עס אויסצופיהרן און אויפשטעלן די שוהלע.

וויסנדיג אז די ירושלימער אידן וועלן נישט אזוי לייכט דערלאזן מען זאל ביי זיי אויפשטעלן אזא שוהלע, האט ער זיך באזארגט שוץ דורך ווענדן זיך צום עסטרייכישן קייסער ער זאל נעהמען די דאזיגע נייע שוהלע אונטער זיין שוץ, אז דער עסטרייכישער גענעראלקאנזול אין ירושלים זאל זיין פאראנטווארטליכט אויף די אויסגאבעס און אייגנאבעס, גענומען בריוו פון די טערקישע רעגירונג אין קאסטאנטינאפאל, פון דעם משכילישן פראגער רב, ראפפורט, פון דעם חכם באשי אין קאסטאנטינאפאל, פון די ווינער מאדערנע רבנים, און פון נאך גרויסע מענטשן וואס לויבן איהם און דערצעהלן וועגן זיין „גרויסע" עהרליכקייט.

פראנקל האט אויך מיטגענומען מתנות, נדבות פון פראקטיגע כלי קודש פאר די ירושלימער בתי מדרשים, און צוזאמען מיט דעם אלעם, און מיטן גרויסן בייטל געלד האט ער זיך אוועקגעלאזט קיין ארץ ישראל.

איידער ער איז ארויסגעפאהרן האט ער אויך אפגעדרוקט א קונטרס מיטן נאהמען „קול מבשר" וואו ער לעגט פאר זיין פלאן, וואס עס וועט זיין דער אינהאלט פון די נייע שוהלע וואס ער געהט דא גרינדן, וואס פאר א לערנונגען מען וועט דארטן געבן פאר די קינדער. ער פרובירט זיך צו אנהענגען אין דעם חת״ם סופר זצ״ל, אין ר׳ לייב שוואב פון פעסט און נאך. ווי ער וואלט מכלומרשט געגאנגען אין זייערע טריט, און אז עס איז נישטא קיין שום שעדליכקייט אין דער דאזיגער מעטאדע.

ווארנונג פון ווין

אין דער שטאדט ווין האט דאן געוואוינט דער גביר און גרויסער אידישער שתדלן רבי יצחק דייטש, וועלכער איז געוועזן א תלמיד פון חת"ם סופר זצ"ל און דורך איהם געשיקט געווארן אהין, אין דער הויפט שטאדט פון עסטרייך צו שטעהן אויף דער וואך פאר די רעליגיעזע אידן. רבי יצחק דייטש, וועלכער איז געוועזן נעהנטער צו די ענינים, ער האט גוט געקענט דעם פראנקל, מיט די וועלכע האבן איהם געשיקט, האט ער באלד אלארמירט אין ירושלים, מען זאל זיין געווארנט נישט אריינפאלן אין דער פאסקע וואס דער דאזיגער לודוויג פראנקל וויל אויסשפרייטן פאר די אידן אין ירושלים, פארשטעלנדיג זיך מיט א מאסקע פון א פרומער עהרליכער איד, וועלכער איז גאר א פייערדיגער אנהענגער און נאכגעהער פון די טריט פון חת"ם סופר. ער דערצעהלט אין בריוו אז דער דאזיגער פראנקל איז א כופר אין ביאת המשיח און אין תחיית המתים. ער איז א א אוכל נבלות וטריפות און פעהיג אפצוטהון כל דבר אסור, ער שרייבט אויך ווער עס זענען די פאמיליע למעל, וועלכע האבן איהם געשיקט קיין ירושלים און אויף וועמענס נאהמען און פון וועמענס געלד עס דארף ווערן געגריגדעט די נייע שוהלע. דער פאטער פון די גרינדערן האט אויסגעבויעט אין ווין א נייעם טעמפל מיט א ארגל, איהר מאן מיט די קינדער האבן זיך שוין פון לאנג אפגעשמדט רח"ל, און די געהט עס יעצט זארגן צו ערציהען אידישע קינדער אין ירושלים!!

ירושלים גרייט זיך

מיט גרויס טראסק און פאמפ איז פראנקל אנגעקומען קיין ירושלים, וואו ער האט געגומען ארויסווייזן זיין פרומקייט ביי יעדע געלעגנהייט, געקושט די מזוזה בדחילו ורחימו מיט גרויס התלהבות ביים אריינגעהן און ארויסגעהן פון טהיר, ער האט געוואלט איבערלאזן דעם איינדרוק אלס פרומער עהרליכער איד וועלכער איז מדקדק בקלה כבחמורה.

ער האט אבער נישט געוואוסט אז די ירושלימער אידן ווייסן שוין געגוי פון זיין קומען און זיי זענען שוין אינפארמירט געווארן וועגן זיין וועזן. יעצט ווען מען איז געקומען מיט איהם נעהנטער אין באריהרונג איז געוועזן נישט מעהר ווי צו באשטעטיגן אז אלעס איז ריכטיג, און די מאסקע האט נישט געקענט פארשטעלן זיין אמת'ן זין, דאס ער מיינט און וויל אריינפיהרן אין ירושלים די טריפה השכלה, פערמאסקירט.

באלד ווי פראנקל איז אנגעקומען האט דער עסטרייכישער קאנסול געשיקט זיין דאלמעטשער איהם צו באגריסן, אויך די ספרדישע געמיינדע זענען איהם

געקומען ווינטשן גליק אין זיין אויפגאבע. דאגעגן די אשכנזישע געמיינדע האט זיך גענומען גרייטן אויף א קאמף.

דער קאמף איז נישט געווען אזוי לייכט. עס איז געווען א פיינד וואס האט נישט ארויסגעוויזן זיינע אמת'ע כוונות, געשטיצט פון צוויי גרויסע רעגירונגען, באלאדנט מיט גרויסע סומעס געלד מיט וועלכן ער האט אונטערגעקויפט די קעגנערס. זיי האבן אבער אויף דעם אלעם נישט געקוקט און זיך דערמיט נישט גערעכנט.

פרייטאג צו נאכטס, ווען פראנקל איז געגאנגען צום כותל המערבי דאווענען, איז צו איהם צוגעגאנגען דער חזן און אויסגערופן:

— דו ביסט געקומען שאפן דא נייעסן אין ירושלים ?! מיר דארפן נישט דיר מיט דיינע שקאלעס אין איינעם! מיר האבן ב"ה א תורה וועלכע איז גענוג פאר אונז צו לערנען און דורכפיהרן מיט איהר דעם לעבן! מיר וועלן עס בשום אופן נישט צולאזן!

פראנקל, וועלכער איז אין אנהויב דערשראקן געווארן הערנדיג אזעלכע רייד האט איהם צוריק געענטפערט:

— דו ביסט נישט מעהר ווי איינער, מיר וועלן זיך צוהערן וואס קהל האלט.

— וואס קהל האלט ועסטו זיך שוין מארגן דערוויסן! — האט דער חזן אויסגערופן.

אין יענעם שבת האט מען פערהאלטן דעם לייענען אין די שוהלן כדי צו געפינען א וועג ווי אזוי צושטערן די פלענער פון פראנקלען און ארויסגעהן קעגן איהם מיט א קאמף, ווי אויך צו ווארנען דעם עולם נישט לאזן זיך איינרעדן און נארפיהרן פון פראנקלען, און זיינע פלנער.

די ספרדים לאזן זיך פארפיהרן

דער חכם באשי, חיים נסים אבולעפיה, האט אויפגענומען פראנקלען מיט גרויס כבוד, און אויסהערנדיג פון איהם וועגן זיינע פלענער, און איבערלייענענדיג די זעפט „קול מבשר", האט ער איהם צוגעזאגט זיין הילף, האלטנדיג אז עס איז דא נישטא קיין שום געפאהר פאר דאס אידישקייט.

ליידער האבן די ספרדים נישט געהאט קיין שום באגריף אין די השכלה קאמפן, וואס האט זיך געפיהרט זינט יאהרן אין דייטשלאנד, אונגארין, עסטרייך און שפעטער אויך אין רוסלאנד. זיי זענען געווען צו נאאיוו צו גלויבן אז דער זאזיגער דייטשער געלערנטער איז געקומען פאר זייער טובה וועגן. זיי האבן נישט געקענט באגרייפן אז דא ליגט באהאלטן שלעכטע כוונות און דער גאנצער

וועגן זייער טובה, זאל ער אביסל איינזעהן ווער זענען עס די בעלי טובה, טייער באצאהלט דערפאר.

ירושלים קאכט זיך

די פארשטעהער פון דער אשכנזישער קהלה האבן אבער נישט גערוהט. זיי זענען אוועק צום חכם באשי און איהם געווארנט ער זאל זיך נישט לאזן פארפיהרן פון דעם שווינדלער און פערמאסקירטער פראנקל, וואס קושט פרום די מזוזה אבער אין דער זעלבער צייט עסט ער ביים טיש פון דעם קאנסולאט נבלות און טריפות, זיי האבן איהם פרובירט צו עפענען די אויגן צו זעהן אז דא האנדלט זיך נישט וועגן זייער טובה, זאל ער אביסל איינזעהן ווער זענען עס די בעלי טובה, רעפארמער און משומדים, און דער שליח איז אויך נישט בעסער פון זיי.

ווען פראנקל איז געקומען צום צווייטן מאל אויף א וויזיט צום חכם באשי אין שבת נאכמיטאג, האט ער שוין פון איהם געקענט הערן וועגן דעם קאך און טומל וואס די אנפיהרער פון דער אשכנזישער געמיינדע פיהרן אן קעגן איהם און אז זיי זענען אויך געוועזן ביים חכם באשי צו ווירקן אויף איהם ער זאל נישט אונטערשטיצן דעם פלאן פון פראנקל.

דער חכם באשי אליין האט יעצט נישט געוואוסט ווי צו באשליסן זיך. פראנקל האט איהם געבעטן צו רופן אויף זיין נאהמען צו א פערזאמלונג פון די אלע פארשטעהער פון די פארשידענע געמיינדעס און כוללים, נאך א לאנגן שמועס האט פראנקל ענדליך געווירקט אויפן חכם באשי און די פארזאמלונג איז גערופן געווארן אין דעם טאג כ"ט אייר תרט"ז צום חכם באשי אין שטוב.

די אשכנזים רעאגירן שארף

אכט און צוואנציג פארשטעהער פון די אידישע כוללים און געמיינדעס זענען זיך אין יענעם טאג צוזאמענגעקומען ביים חכם באשי אין שטוב, וואו דאס מערהייט פון זיי זענען געוועזן די ספרדישע דעלעגאטן. נאכדעם וואס פראנקל האט פארגעלעגט דעם פלאן פון די נייע שוהלע וואס ער ווילן גרינדן אין ירושלים און אויסגערעכנט די אלע מעלות און גוטס וואס עס טראגט מיט זיך, האט זיך דער גאון רבי ישעי' ברדקי זצ"ל, אויפגעשטעלט און מיט פייער אויסגערופן:

— מיר דארפן נישט דיין שוהלע! אונז, די אשכנזישע געמיינדע, פונקט ווי אין אלע קהלות, פארמאגן מיר דען נישט גענוג חדרים וואו אונזערע קינדער לערנען תורה?! דער ערציהונגס-פלאן וואס ווערט פארגעשטעלט אין דיין העפט „קול מבשר", ווי אזוי צו לערנען מיט אונזערע קינדער תורה און מוסר, דורך

שפילן און פארווילן, זיי צו אנווייזן פוסטע נארישע זאכן, זיי צוגעוואוינען צו זינגען און שפילן, מאכן גימנאסטיק, אפשר אויך צו טאנצן לויט מוזיק — דאס אלעס איז פוסט און פארפיהרעריש! מען דארף נישט לייכטער מאכן נאר פארמעהרן פאר די קינדער דאס תורה לערנען, כדי זיי זאלן וויסן ווי צו עהרן און האלטן טייער די הייליגע תורה. פארוואס זאלן מיר זוכן צו אויסנוצן זייער צייט אויף פארברענגען אין שפילערייען, זיי צו דערקוויקן און שטארקן אינדערצייט ווען זיי אלע זענען, א דאנק ג־ט, געזונד און שטארק.

— איך פארשטעה אבער נישט — האט פראנקל איבערגעהאקט אין מיטן — וואס פאר א עוולה איז עס אויב מען וועט לערנען אויסער די גמרא אויך דעם תנ״ך? האלט איהר טאקע אז לערנען דקדוק אדער קענען רעדן די היגע שפראך אין וועלכע מיר וואוינען, איז עס אויך קעגן די געזעצן פון דער תורה?

— די ערציהונגס אנשטאלטן — האט איהם רבי ישעי' ברדקי צוריק געענטפערט, און דאס איז געווען די צושטימונג פון אלע אשכנזישע דעלעגאטן — אין וועלכע מען לערנט אויך אנדערע זאכן אויסער די גמרא, כאטש עס איז נישט קעגן די געזעצן פון דער תורה, זענען זיי אבער שטענדיג די אורזאך, ענדליך צו ווידערשפעניגן אין דער תורה און איהר צו פארלאזן. מיר האבן דעריין קלאהרע בעווייזן ווי עס איז געשעהן אין די אייראפעאישע לענדער. מיינע ברידער, די מזרח־געבוירענע וואס געפינען זיך דא ווייסן נישט דערפון, זיי האבן נישט קיין פראקטיק דערביי, אבער דו ווייסט דאך ווער עס איז געווען משה דעסויער, און דיין העפט „קול מבשר״ רעדט לויט זיין גייסט. אלעס וואס דו האסט דארטן אויסגעשטעלט ווי אזוי צו ערציהען אין דעם נייעם אנשטאלט איז נישט נאר פוסט און אומנוציג, נאר עס איז גיפט און פארדארבונג אויף אלע זייטן, און בעזונדער איז עס קעגן אונזער הייליגע אמונה. איך וועל נישט דערלאזן אז מיינע קינדער אדער ווער עס איז פון אידישע קינדער זאל דארפן אנקומען צו די אלע לימודים אויסער גמרא.

— און דעריבער — האט רבי ישעי' ברדקי אויסגעפיהרט — האבן מיר באשטימט צו קעמפפן קעגן דעם נייעם אנשטאלט וואס דו ווילסט דא גרינדן.

— לא מדובשך ולא מעוקצך — האט אויסגערופן א צווייטער פון די אשכנזישע רבנים — נישט דיין האניג ברויכן מיר און נישט דיין גיפט!

פראנקל האט דאן געפאדערט דער אנוועזענדער עולם זאל שטימען, פאר און קעגן זיין פארשלאג, און מען וועט טהון לויט דער מערהייט. די אלע דעלעגאטן פון די ספרדים האבן געשטימט פאר פראנקלען און נאכדעם וואס אויך דער חכם

באשי האט דערויף געגעבן זיין שטימע, האבן די אנפיהרער פון די אשכנזישע געמיינדע זיך אויפגעהויבן און פארלאזט דאס הויז פון חכם באשי.

אויסער די ספרדים און אייניגע אויסנאהמען, איז די קעגנערשאפט געווען א אלגעמיינע, בעזונדער האט זיך עס געלאזט פיהלן דאדורך וואס די פיהרער פון די אשכנזישע געמיינדע, דער גאון רבי ישעי׳ ברדקי, וועלכער איז געווען אנגענומען אלס דער שפיץ פון אידישן אשכנזישן ישוב אין ירושלים, און א לאנגע צייט האט ער געהאט דעם עהרן טיטול — אלס דער פארטרעטער פון עסטרייכישן קאנסולאט אין ירושלים, ווי אויך דער צדיק רבי זונדל סאלאנטער, זענען ביידע ארויס שארף קעגן פראנקלען און פארשפראכן צו קעמפפן קעגן די פארברעכער מיט אלע קרעפטן.

מען פרובירט צו ראטעווען די לעצטע מינוט

און דער קאמף האט אויסגעבראכן. ירושלים האט אויפגערודערט, די אלע ווענט זענען געווארן פארקלעפט מיט פלאקאטן וועלכע דערצעהלן ווער פראנקל איז און וואס איז זיין צוועק פון דעם קומען אין ירושלים.

די שמשים זענען ארומגעגאנגען איבער די גאסן און גערופן דעם עולם אין נאהמען פון די רבנים, זיך צוזאמענקומען ביים כותל מערבי און מתפלל זיין קעגן די שלעכטע גזירה, מענער, פרויען און קינדער האבן געשטראמט צום כותל מערבי וואו מען האט געזאגט תהלים און פארגאסן טרערן צום אויבערשטן, ער זאל ח״ו נישט דערלאזן עס זאל ווערן אנגעריהרט די ריינקייט פון דעם אידישן חינוך אין ירושלים.

אין די לעצטע מינוט האבן די עסקנים זיך געווענדעט מיט א פוהל-געריהרטן בריוו און אויסרוף צו די אנפיהרער פון די ספרדים און זיי געבעטן צוריקציהען און צורייסן דעם אפמאך מיט פראנקלען. אין בריוו איז געשטאנען ווי פאלגענד:

„שמעו אתם הספרדים! ראו מה בין אחיכם אנשי רוסיא ופולין, אשר עמדו נגד המלכות במדינותם ולא אבו לקבל טובות האלה אשר הוא נבלה נגד עיניהם ואתם בחפצכם הטוב קבלתם עליכם ללמד את בניכם כתב ולשונות הגוים האין זאת חטאת קסם ומרי אשר לקול גדולי ישראל לא אביתם לשמוע ומריתם את פיהם, דעו כי חטאתכם היא אשר תמצא אתכם כי אל תדמו כי על דעתכם תכון התנהגות הבית מחסה לא כן כ״א ע״ד המינים ואפיקורסים, שובו שובו וקרעו את הכתב אשר חתמתם ואל תהיו ללעג ולקלס בכל ארצות ומדינות אשר שם ירושלים עיה״ק מגיע שמה, כי עוד

יבואו ימים אשר תרצו לשוב ולא יהיה עוד שום תרופה, ולהשומע עצ״ט תבוא עליו ברכות טוב״.

— הערט איין ספרדישע אידן! בעטראכט נאר דעם אונטערשייד צווישן אייך און צווישן די רוסישע און פוילישע אידן, וועלכע האבן זיך קעגנגעשטעלט דער רעגירונג פון זייערע לענדער און נישט געוואלט אננעמען אזעלכע טובות, וואס איז א שאנדע פאר די אויגן, און איהר, מיט אייער גוטן ווילן, נעמט איהר אויף זיך צו לערנען מיט אייערע קינדער פרעמדע שריפט און גויאישע שפראך, איז עס דען נישט קיין גרויסע זינד?! איהר ווילט נישט פאלגן צום אויפרוף פון די גדולי ישראל און ווידערשפעניגט זייערע ווערטער! וויסן זאלט איהר, אז איהר זענט זינדיג און עס וועט זיך אייך מיט דער צייט אפצאהלן. איהר זאלט נישט מיינען און חלומען אז דער נייער אנשטאלט וועט זיך פיהרן לויט אייערע אנווייזונגען און מיינונגען, ניין! פיהרן וועלן עס די מינים און אפיקורסים אויף זייער וועג.

ציהט צוריק און צורייסט דעם שריפט אויף וועלכן איהר האט אונטערגעשריבן, זייט נישט צו שפאט און שאנדע אין די אלע לענדער וואו דער נאהמען פון די הייליגע שטאדט ירושלים גרייכט, ווייל עס וועט נאך קומען א צייט וואס איהר וועט וועלן צוריקציהען, אבער עס וועט נישט זיין קיין וועג צוריק. געדענקט מיר האבן אייך געווארנט! און דער וואס הערט צו א עצה פון א גוטן פריינד וועט געבענטש זיין מיט אלע גוטע וואונטשן״.

ווען דער דאזיגער ווענדונג האט אויך נישט געהאלפן און זיי האבן נישט געוואלט צוריקציהען, און נאכדעם וואס די אלע ווארנונגען צום חכם באשי, און די געבעטן צו פראנקלען זענען געווען אומווירקזאם, האבן די גדולי ירושלים באשלאסן צו אויסרופן א חרם אויף די שקאלעס אין דער אנוועזנהייט פון אלע ירושליימער אידן.

דער אויסרוף פון דעם חרם

ט׳ סיון תרט״ז, זענען זיך צוזאמענגעקומען די אלע תלמידי חכמים פון ירושלים, די גאונים און צדיקים, די מקובלים און בעלי רוח הקודש. אין דער גרויסע שוהל פון די חורבת רבי יהודה החסיד, כדי אויסצורופן דעם חרם אויף די דאזיגע שקאלעס, וועלכע מען וועט לערנען פרעמדע שפראכן.

די בילד איז געווען מורא׳דיג און שרעקליך, די שוהל איז געווען פוהל געפאקט. דעם אויוון־אן האבן באשיינט די גייסטיגע ריזן פון ירושלים, די קדושים און טהורים. א לאנגע רייה פון תורה ריזן, פון וועמען די גאנצע וועלט האט געציטערט פון זייער גרויסקייט און הייליגקייט, ווערן דארטן אנגעזעהן. צווישן זיי דער גאון רבי ישעי׳ ברדקי, דער גאון און צדיק רבי זונדל סאלאנטער, דער קדוש רבי נחום שאדיקער, דער גאון רבי שמואל סאלאנט, דער צדיק רבי אהרן משה פון בראד, א תלמיד פון הייליגן חוזה פון לובלין, הגאון רבי יוסף לאנדא, א אייניקל פון נודע ביהודא און א איידעם פון גאון רבי ישראל שקלאווער, דער פאת השולחן, זכר צדיקים לברכה, און נאך און נאך.

א שרעקליכער געוויין האט אויסגעבראכן צווישן דעם ריזיגן עולם ווען דער ארון הקודש איז אויפגעעפנט געווארן און מען האט ארויסגענומען די ספרי תורה. איינציגווייז זענען ארויפגעגאנגען די אלטע גאונים און צדיקים, וואו יעדער איינער נעמט א ספר תורה אין האנד, און פון זייערע אויגן גיסן זיך טייכן טרערן, אויף דעם גרויסן חילול השם, אויף דעם חילול התורה, אויף דעם חילול ירושלים און אויף דעם חילול פון דער הייליגע שכינה. ווער קען עס זעהן ווי די הייליגע אלטע ירושלימער גדולים וויינען אויף דעם צער השכינה און זיין הארץ ווערט נישט צוגאסן ? !

די גאונים און קדושים האבן אנגעצונדן שווארצע ליכט און אויסגערופן דעם מורא׳דיגן חרם אויף די שקאלעס, און דערויף האבן געחתמעט די אלע גדולי ירושלים און עס באפוהלמעכטיגט אויף אלע דורות.

דער נוסח החרם

דאס איז דער נוסח פון דעם מורא׳דיגן חרם וואס איז דאן אויסגערופן און פארעפנטליכט געווארן מיט א טייל פון די וועלכע האבן זיך דערויף אונטערגעשריבן :

„בבית ישראל ראינו שערוריה, והתורה חוגרת שק כאבילה עטויה, כי נמצאו בעיר אלקים איזה אנשים מיסדים בית לימוד לנערי בני ישראל, ללמדם ספר ולשון נכריה לימודיות ונמוסיות אוה״ע, והגם שתחילתם רך ומתוק באמרם שיהי׳ עפ״י משגיחים יראי ד׳ וילמדו עיקרי תוה״ק, אבל באשר ידוע לנו אחרי הבחון שסופו קשה ואחריתה מרה כלענה שיעשו הלימודיות והנמוסיות של אינן ישראל עיקר ותוה״ק כטחי טפל ח״ו, וגם כבר נודע ובדוק אשר הדבר הרע הזה גורם להשכיח מישראל תורתינו הקדושה ופורקת יראת ה׳ מעל ילדי בני ישראל ושורש פורה למינות ואפקורסות, וכאשר פשתה

המספחת הזאת בחו״ל רבו המתפרצים מאדון אל חי ובנו להם במות בעל (קארשול) ומהם יצאו ללא אמונה ומרעה אל רעה יצאו, בשם ישראל יתכנו וכמשפטי הגוים לא יעשו, ולבם לא נכון עם ה׳ ובברית הממשלה לא יבואו, — ובעוונותינו שרבו, צרעת ממארת הזאת נגע עד שער עמינו עד לב ירושלם עה״ק, אוי לעינים שכך רואות, אשר ח״ו לא תהי׳ כעיר הנדחת, אוי להם מעלבונה של תורה, ובשגם הבאים לשם ה׳ להסתפח בנחלתו כל מגמתם לקנות שלימות הנפשי ולהקדיש כל ימיהם ולילהם כולו קדש לה׳, על זה דוה לבינו על אלה חשכו עינינו, כי נלכדו בשחיתותם ונתפשו במצודה רעה הזאת גם אנשים כשרים ההולכים לתומם ולא יראו את הנולד והנחש הכרוך בעקבה, או מפניות אחרות המסמא את העינים, ואחרי כל העצות והתושיות ועיון היטב עפ״י דת תוה״ק בהתאסף יחד כל ראשי ויחידי סגולה רוב בנין ורוב מנין ובי״ד צדק מכל כוללות האשכנזים אשר פעה״ק ירושלם תובב״א, ועלינו כולנו בהסכמה ובדעה אחת בלב שלם ובנפש חפיצה וגוזרים בגזירה חמורה ואוסרים באיסור גמור בכל תוקף גזירות ואיסורים החמורים מתקנת חז״ל ובכח תוה״ק, אשר כל איש ישראל מאחינו כל כוללות האשכנזים אשר ישנו פה אתנו היום ואשר יבואו אחרינו, לא יתדבקו ולא יתקרבו לבא בבית הלימוד כזאת או לתת מבניו ומבנותיו להתלמד שמה, לא בקביעות ולא באקראי סחור סחור כו׳, וכל מי אשר יעבור על הגזירה והאיסור הזה וילך להתלמד בבית כזאת או שיתן מזרעו שמה, הרי הוא בכלל פורץ גדר כו׳ לא יאבה ה׳ סלוח לו ורבצה בו כל האלה ויבדל מקהל עדת אשכנזים וחלק לא יהי׳ לו בכוללות האשכנזים, והתקנה והאיסור הזאת הוא חק ולא יעבור לנו ולבנינו עד עולם, והירא את דבר ה׳ ישמע לקול דברינו הנאמרים באמת ובצדק בדין וביושר ויתברך מאלקי אמן״.

„אין אידישן הויז טהוט זיך א הימל-געשריי, און די תורה איז אנגעטהון אין א זאק ווי א אבל ארומגענומען, ווייל עס געפינען זיך אין דער ג-טליכע שטאדט אייניגע מענטשן וואס ווילן גרינדן א שקאלע פאר אידישע קינדער, זיי צו לערנען פרעמדע ביכער און שפראכן, גויאישע לערעס און זיטן, און כאטש אין אנהויב איז עס ווייך און זיס, ווייל זיי פארשפרעכן אז עס וועלן דערויף זיין עהרליכע אויפזעהער און מען וועט שטעלן דעם פונקט צו לערנען דער עיקר די הייליגע תורה. מיר ווייסן אבער פון דער פראקטיק, אז דער ענדע איז זייער הארב און ביטער ווי גראז, ווייל מען וועט מאכן די גויאישע זיטן און לערעס פאר דעם עיקר און די הייליגע תורה ווי א טפל

חס ושלום. עס איז אויך באוואוסט פון דער פראקטיק, אז די דאזיגע שלעכטע פיהרונג ברענגט ענדליך צו מען זאל פארגעסן ביי אידן די הייליגע תורה, און דורך דעם ווארפן אראפ פון זיך די אידישע קינדער דעם יאך פון יראת ה׳, דאס איז דער ווארצל וואס דערפון וואקסט מינות און אפיקורסות, און ווען די דאזיגע קרענק האט זיך גענומען פארשפרייטן אין חוץ לארץ, האבן זיך גענומען מעהרן די פארברעכער און זיי האבן זיך געבויעט קארשוהלן און פון זיי זענען אוועק פון אידישן גלויבן און גענידערט פון איין שלעכט צום צווייטן. זיי רופן זיך מיטן נאהמען ישראל, אבער אפילו ווי די גויאישע געזעצן טהוען זיי נישט, זייער הארץ איז ווייט פון אויבערשטן און זיי זענען נישט צוגעבונדן צו קיין זאך.

צוליב אונזערע גרויסע זינד, האט די דאזיגע אנשטעקיגע קרענק דערגרייכט אויך צום טויער פון אונזער פאלק, ביז צו דאס הארץ פון די הייליגע שטאדט ירושלים, וויי צו די אויגן וואס זעהען עס צו, עס זאל חס ושלום נישט ווערן ווי א פערשטויסענע שטאדט, וויי צו זיי פון דער פארשוועכן די תורה. באזונדער, ווען די אלע וואס קומען וואוינען אין די הייליגע שטאדט, איז זייער גאנצער צוועק זיך גייסטיג צו פארפולקאמען און צו אפפערן זייערע טעג און נעכט עס זאל זיין הייליג פאר ג־ט.

דערויף ווייטאגט אונזער הארץ, עס איז אונז פינסטער אין די אויגן, וואס עס זענען ארייגעכאפט געווארן אין דער דאזיגער פאסקע און מיטגעשלעפט געווארן אין זייער פארדארבנקייט, אויך פיינע עהרליכע אידן וואס זיי זענען באאיוו און זעהען נישט דעם צוקונפט, און דעם שלאנג וואס איז פארוויקלט אויף זייערע טריט, אדער צוליב אנדערע נייגונגען וועלכע פארבלענדן די אויגן.

נאכדעם וואס מיר האבן פרובירט אלע וועגן, מיר האבן דורכגעטראכט דעם ענין לויט אונזער הייליגע תורה, האבן מיר זיך צוזאמענגעקליבן אלע וואס שטעהען אין שפיץ, די אויסגעקליבענע פון פאלק, דאס מערהייט אין צאהל און פארנעם, מיטן בית דין צדק פון אלע אשכנזישע כוללים וואס געפינען זיך דא אין דער הייליגע שטאדט ירושלים, און מיר זענען אלע צוגעקומען צו איין מיינונג און אפגעשטימט מיטן גאנצן הארצן און ווילן און מיר זענען גוזר מיט א הארבע גזירה און מיט אסרן מיט א פולשטענדיגן איסור מיט אלע הארבקייטן און שטרענגקייט פון די גזירות און איסורים וואס אונזערע חז״ל האבן מתקן געווען און מיטן כח פון דער הייליגע תורה, אז יעדער אידישער מאן פון אונזערע אשכנזישע ברידער

וואס געפינט זיך דא מיט אונז און וואס וועט שפעטער קומען זיי זאלן זיך נישט באהעפטן און נישט דערנעהנטערן אריינצוגעהן אין אזא שקאלע אדער שיקן דארטן לערנען זייערע זין אדער טעכטער, נישט אויף א באשטימטע צייט און אפילו אויך נישט צייטווייליג.

און ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם דאזיגן איסור און גזירה און ער וועט געהן לערנען אין אזא הויז אדער שיקן דארטן זיינע קינדער, איז ער אין כלל פון הפורץ גדר וכו׳, דער אויבערשטער וועט איהם נישט מוחל זיין, עס וועט פאלן אויף איהם די אלע קללות און ער וועט ווערן אפגעשיידט פון די אשכנזישע געמיינדע און נישט האבן קיין שום אנטהייל אין די אשכנזישע כוללים.

דער דאזיגער איסור און תקנה איז באפולמעכטיגט און מען קען עס נישט ארופנעהמען סיי פאר אונז סיי פאר אונזערע קינדער ביז אייביג.

דער וואס פארכט פון ג־ט וועט צוהערן צו אונזערע רייד וועלכע ווערן געזאגט מיט רעכט און ווארהייט, מיט גלייכקייט און גערעכטיגקייט, און ער וועט ווערן געבענטשט פון גערעכטיגן ג־ט״.

היום ט׳ סיון שנת ובחרת בחיים לפ״ק פעה״ק ירושלם תובב״א.

נאם ישעי׳ בארדאקי ראב״ד בירושלים
נאם הק׳ שמואל אב״ד מדאלהינוב בעהמ״ח ס׳ מנ״ש וס׳ שע״ד
נאם יוסף זונדל מסלאנט
נאם שמואל סלאנט
נאם יצחק בהרב מו״ה יודא ליב כהנא ז״ל
נאם מרדכי מאיר בהרב מו״ה אלי׳
נאם זאב וואלף בלא״א מו״ה משה ז״ל
נאם שמרי׳ שמעריל אב״ד דק״ק רימעלוב
נאם משי׳ במ׳ ארי׳ ליב מפינסק
נאם יהודא ליב במ׳ דובער שטובצר
נאם הק׳ שלמה אשכנזי בהרב הגאון ז״ל
נאם מנחם מאנש במ״ה ישראל זצ״ל
נאם משה חאסלאוויצר
נאם יצחק בה״ר אברהם ש״ז זללה״ה
נאם יצחק יוסף כ״ץ
נאם משה רוטשילד
נאם הק׳ יוסף רוקח
נאם אהרן משה בלאאמ״ו
נאם יוסף בלא״א מו״ה אהרן ז״ל שטיינהארט מסמרגאן
נאם אשר בהר״י מפינסק
נאם שבתי מווילנא
נאם שלמה פנחס
נאם אליעזר דוד במ׳ דוד ז״ל
נאם דוד בלא״א מו״ה זוסמאן
נאם אלי׳ יהושע בא״א מו״ה נחום זצ״ל
נאם גבריאל בן א״א המנוח כמ״ה יחזקאל
נאם ישראל במוהר״ר פרץ אטייאנר
נאם דוד טביא מלאמזע
נאם שמואל במ׳ אברהם יצחק ז״ל
נאם יעקב מלוצין
נאם אברהם במוהר״ר ראובן ז״ל הכ״מ

נאם אברהם יצחק נאם יוסף הלוי לאנדא הי״ו

נאם אלי׳ יהודא דייכעס חב״ק נייאשטאטנאם יהודא ליב הכהן מבריסק

נאם ברוך בנימין זאב נאם ניסן ברי״פ קרעל ז״ל מווילנא

נאם יעקב מוהרי״ ז״ל נאם אורי שבתי במ״ה חיים ז״ל

נאם נפתלי הערץ גינצבורג נאם אברהם מינץ

נאם מאיר ב״מ גדלי׳ נאם איצק ליב מדובנא

נאם שאול פאלק מאורלא נאם יצחק במ״ו ממיר

נאם אלעזר פייווש בהרב נאם אליעזר ב״ר שמואל

נאם יוסף יהודא בהר״ח ז״ל נאם אברהם מייאנווע

נאם יעקב במוה״ר זללה״ה נאם בצלאל בהרא״ש

נאם נחום בהרמ״א ז״ל נאם אברהם בר״ג

נאם נתנאל במו״ה יעקב ז״ל נאם משה בלא״א מו״ה אפרים

נאם יצחק דוד נאם יעקב הערש פעלמאן

נאם יהודא אליעזר הלוי נאם יחיאל במו״ה יהודא ליב

דער דאזיגער חרם און איסור איז ארויסגעגעבן געווארן פון די אלע אשכנזישע רבנים אין ירושלים, ווי עס ווערט באטאנט אין דעם שריפט, ערשט אין דריי וואכן שפעטער, איז צוגעשטאנען צום חרם איינער פון די גרויסע ספרדישע רבנים, דער מקובל און גאון רבי רפאל ידידי׳ אבולעפיה, דער ראש ישיבה פון בית־קל, די ישיבה פון די מקובלים און ער האט פארעפנטליכט א שריפט אין וועלכן ער רופט צו די ספרדים און זיינע אנהענגער זיי זאלן מיטשטעהן מיטן חרם, ער נעמט אויף זיך מיט זיינע קינדער און אייניקלאך, נישט שיקן די קינדער אין די שקאלעס.

דער בריף ווי פאלגענד:

אנא נפשאי הבא על החתום ראיתי כל מה שחתמו רבני אשכנז יצ״ו וגזרו בגזירת עירין בכח חרם ובכל אלות הברית שלא יוכל שום אדם מעדת חכמי אשכנזים יצ״ו להניח בנו או בתו בבית ת״ת החדש הנקרא בית מחסה לילדים (אשר הביא ויסד האיש דאקטער פרענקל החדש שבא מווין) ובגיזורת עירין פתגמא עליהם ועל זרעם אחריהם, וע״ז חתמו כל רבני אשכנז והבאים אחריהם, ועם כי דבריהם כגחלי אש בוערות וכונתם רצויה לשמים ועמדו בפרץ למען לא יבואו לראות כבלע את הקדש תורתינו הקדושה ובפרט בירושלם היכל ה׳ מקדש וקדשיו, ומי יתן והיה כי גם רבני הספרדים יעשו כזאת ויסכימו יחד כל הכוללים שבירושלם ואזי יקודש שם שמים גם ע״י הספרדים, אך מה נעשה כי הם עדיין לא עמדו בנסיונא ולא עמדו על

הבחינה לראות מה היוצאת הזאת אשר יתנוצץ אח"כ באחרית הימים, ואם שעשו כמה תיקונים וסייגים וגדרים כאשר שמעתי והגידו לי, עכ"ז אין דעתי נוחה כי לא יועילו, ואני מסכים בזה עם רבני אשכנזים יצ"ו, על כן גם אני הבא על החתום מקבל עלי כל אשר גזרו וחתמו לעיל רבני אשכנזים יצ"ו, והקבלה הזאת שקבלתי הוא עלי ועל זרעי וז"ז ע"ס כל הדורות, והלואי ואולי מי יתן והיה שתהיה הסכמתי זאת גם על כמה אנשים שכמותי הסרים למשמעתי שגם המה יסכימו ויחתמו כזה, כי אין לך קידוש ה' גדול מזה.

ועה"ד אמו"ץ חתמתי שמי פעה"ק ירושלם ת"ו כ"ח סיון ש' ובחרת בחיים.

כ"ד הגונח מליבא ונפשא לכבוד שמים שלא יתחלל העומד לשרת בשם ד' במקום זריזין והוא זעירא דמן חברייא ושלום.

רפאל ידידיה בואלעפייא

ירושלימער עסקנים אין ארעסט

באלד נאכדעם זענען די חשובע עסקנים פון ירושלים ארומגעגאנגען איבער די גאסן און אויסגערופן דעם חרם אויף פראנקלען מיט זיין שקאלע, מען האט אויך אויסגעקלעפט פלאקאטן וואו עס איז פארעפנטליכט געווארן דעם חרם ווי אויך די אלע מעשי תעתועים וואס פראנקל טהוט אפ. פראנקל האט עס זייער שטארק אויפגעבראכט און ער איז אוועק צום קאנסול און געפאדערט פון איהם צו ארעסטירן די אלע וואס פארלוימדן איהם. ער האט געטענה'ט אז דאס איז א אויפרייצונג און בעלידיגונג קעגן די עסטרייכישע רעגירונג. דער קאנסול וועלכער האט געניוגט צו פראנקלען האט באלד געשיקט ארעסטירן פינף פערזאן צווישן זיי איז אויך געווען דער גאון רבי זלמן בהר"ן. און זיי אריינגעווארפן אין פינסטערע קעלערן, און מען האט זיי זייער געפייניגט.

דער קאך אין ירושלים איז געווען מוראדיג, דער גאנצער עולם איז געווען אויפגעברויזט אויף די דאזיגע עוולה און עס האט געברודערט אין אלע ווינקאלאך. די מנהיגים פון שטאדט זענען אוועק צום קאנסול און געפאדערט מען זאל זיי בעפרייען. דער קאנסול האט געוואלט מען זאל געהן איבערבעטן פראנקלען. דערויף האט ער באקומען דעם ענטפער פון די ארעסטירטע:

— מיר וועלן נישט געהן איהם איבערבעטן. עס אונז ליבערשט צו פארפוילט ווערן אין די פינסטערע קעלערן איידער צו קוקן דעם דאזיגן רשע אין פנים.

די ארעסטירטע זענען געבליבן אין קעלער ביז אויף מארגן האלבן טאג, וואו

דער קאנסול האט זיי באפרייט און געווארנט אז ער וועט זיי שפעטער הארבער באשטראפן.

כ"ג סיון תרט"ז איז געעפנט געווארן די נייע שקאלע אין דער באטייליקונג פון די קאנסאלאטן מיט זייערע קאוואסן. דער פאשא מיטן חכם באשי וועלכער איז ערשיינען מיט זיין בית דין. דאס איז געווען דער בראך פאר די ספרדישע אידן וואו זייערע קינדער האבן זיך גענומען ערציהען אין דער השכלה גייסט. פון די אשכנזים איז דארטן קיין איין קינד נישט געווען.